בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## החודש (תזריע) תשב"ז (חלק ג)

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים

• ביאור שיטת רבינו תם בענין זמן צאת הכוכבים • להלכה נקטו הפוסקים כשיטת ר"ת • ביאור המדרש: אם זכה אומרין לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית • ביאור עובדא דנַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן בגמרא תענית • בזוהר הקדוש: מה שיש למטה, יש דוגמתה בעולמות העליונים, ולמעלה יש גם כן חַמָּה וּלְבָנָה • סוד העיבור, וכל סתרי התורה, אסור לגלותן להאומות • ביאור דברי הרמב"ם: דהראה הקב"ה למשה את הלבנה בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה • חתם סופר: משה רבינו היה יכול להגיד דין בנבואה, ולא נאמר אצלו תורה לא בשמים היא, שהרי כל התורה ניתנה על ידו בנבואה • לעתיד יהא אור הלבנה כאור החמה, ולא יהא שייך עוד ענין מולד הלבנה, וחילוק בין החדשים • כל החודש ניסן הוא מסוגל לישועות •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ד לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו** - קונטרס **ער** (חלק ג) — (**28** מינוט מתוך **84**) **זייער קלאָר** ★★★★★

**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך ***966*** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→3→427. 3**

# • ברכת מזל טוב •

הרה״ג ר׳ **שמואל יעקב מייזעלס** שליט״א
דומ״ץ ביהמ״ד בית מרדכי לייב בק״ו
לאירוסי בנו החתן **זלמן לייב** נ״י - עב״ג בת
הרה״ג ר׳ **מאיר יחזקאל לעמבערגער** שליט״א אב״ד מאקאווא

הר״ר **אהרן אליעזר חנני׳ גרינהוט** הי״ו
לנישואי בנו החתן **לוי** נ״י - עב״ג
בן הר״ר **ישכר בעריש לויפער** הי״ו (ב״ר יחזקאל)

**זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, ויעזור השי״ת שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די**

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

החסיד המפורסם, מקושר לצדיקי אמת
וגם נסע לרביה״ק זי״ע בעיר קראלי
רבי **ישראל** ז״ל **פליישמאן**
בן הרה״ח ר׳ **זאב** ז״ל
מק״ק קליינווארדיין יצ״ו ושם מנו״כ - נפטר ג׳ ניסן תרצ״ו

הרה״ח המרומם, במסירת נפש זכה להציל כ״ח נפשות בימי הזעם, ובתוכם הגה״ק בעל מנחת יצחק זי״ע ומשפחתו, ולאחר המלחמה פעל גדולות להעמיד הדת בעיר פאריז
מרת **אלחנן** ז״ל **ראטבארט**
בן הרה״ח ר׳ **אשר** הי״ד - נפטר כ״ג אדר תשמ״ז

הרה״ח הישיש המפורסם, כהן שדעתו יפה, רודף צדקה וחסד, הסתופף בצל רבינו משחר טל ילדותו
רבי **צבי אלימלך** הכהן ז״ל **כהנא**
בן הר״ר **יוסף אריה** ז״ל
נפטר כ״ו אדר תש״פ

הרה״ח הישיש, מתלמידי רביה״ק זי״ע בעיר סאטמאר
רבי **יהודה** ב״ר חיים הלוי ז״ל **רייזמאן**
נפטר ג׳ ניסן תשע״ג
וזוגתו האשה החשובה **אסתר ברכה** ע״ה
ב״ר **אליהו** ז״ל - נפטרה כ״ד אדר תשע״ב

הרה״ח ירא ה׳, מעוטר במעלות נשגבות, קנה לעצמו שם טוב, וזכה להסתופף בצל רביה״ק כל שנותיו
רבי **משה** ז״ל **גרין** מעיר דעעש יצ״ו
ב״ר **אהרן זעליג** ז״ל - נפטר כ״ח אדר ב׳ תשנ״ב

הרה״ח בעל מדות טובות, קיבל כל אדם בסבר פנים יפות, מקושר בכל לב לרביה״ק זי״ע עוד מבית אבותיו
רבי **זאב** ז״ל **ראזענפעלד**
ב״ר **צבי** הי״ד - נפטר כ״ה אדר ב׳ תשע״ט

הרה״ח, זכה לשמש בקודש אצל רביה״ק זי״ע כמה שנים
רבי **יעקב צבי** ז״ל **ברייער**
בן הרה״ח ר׳ **שמואל אברהם** ז״ל - כ״ט אדר תשפ״א
ואמו החשובה מרת **צערל** ע״ה
ב״ר **אברהם צבי** ע״ה - נפטרה כ״ט אדר ב׳ תשע״ד

האשה החשובה בעלת צדקה וחסד וטובת לב להחיות נפשות, מאוד כבדה הוריה, הרבתה בתפלה, וקבלה את השבת בכבוד
מרת **יכט** ע״ה ב״ר **יעקב** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **שלמה יעקב שפיטצער** הי״ו
נפטרה כ״ח אדר תשפ״א

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבנית הצדקת חיה רויזא טייטלבוים ז״ל
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

האשה החשובה
מרת **חנה** ע״ה ב״ר **בנציון** ז״ל
נפטרה ר״ח ניסן תשפ״ג

KolSatmar.com

ה

## קושיות ודקדוקים בפרשת תזריע

**קושיא ג-ד**

במדרש: הה"ד אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי, זכה אומרים לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית.
לא זכה, אומרים לו יתוש קדמך. וצ"ב הכוונה, וגם השייכות מזה לכאן

**דער מדרש[א] זאָגט נאָך,** [אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ]**, זה שאמר הכתוב אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי. זָכָה, אומרים לו אַתָּה קִדַּמְתָּ לכל מעשה בראשית. לֹא זָכָה, אומרים לו יִתּוּשׁ קדמך.**

**ג) די קַשְׁיָא איז דאָך שוין יָדוּעַ** [דממה נפשך, אם האדם נברא אחרון לכל היצורים, כיצד יאמרו לו אַתָּה קִדַּמְתָּ לכל מעשה בראשית באם זָכָה, והרי המציאות לא תשתנה]**.**

**ד)** [וגם יש לדקדק, דנקט אָחוֹר ואחר כך קֶדֶם, והיה ראוי שיאמר 'קֶדֶם וְאָחוֹר' צַרְתָּנִי. (דברי יואל)]**.**

יט

# קושיות ודקדוקים בפרשת החודש

**לאָמיר זען, מ'האָב מיר דאָ היינט געליינט די פרשה פון הַחוֹדֶשׁ.**
**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

כ

**קושיא טו**

להבין כפל הלשונות שבפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, דלכאורה הרישא והסיפא הכל ענין אחד כפול

**טו)** [ומקודם יש להבין] **דאָס 'טאָפּלטע' לשון.**

**- דער אור החיים הקדוש[ב] שטעלט זיך דערויף, און אַלע מפרשים.** [נאָר] **דער אור החיים הקדוש איז אַביסל שווער צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט דאָ אין תּירוּץ, איך וועל נישט מַאֲרִיךְ זיין. -**

[דלכאורה] **ער הייבט אָן** [בפסוק]**, עפּעס צוויי מאָל די זעלבע** [זאַך]**, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

כא

**קושיא טז**

גם להבין שינוי הלשונות, דברישא מקדים תיבת "לָכֶם", ובסיפא מְאַחֵר תיבת "לכם"

**טז) און נאָך איז אַ 'שִׁינּוּי'** [הַלָּשׁוֹן]**. קודם זאָגט ער הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם', און דערנאָך רֹאשׁ חֳדָשִׁים. און דאָס צווייטע מאָל זאָגט ער רִאשׁוֹן, און דערנאָכדעם לָכֶם.**

לו

**קושיא כא-כב**

במדרש: בעולם הזה לא מסר לישראל הם אלא הלבנה בלבד, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם. אבל לימות המשיח מוסר להן את הכל, שנאמר וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד

[גם איתא במדרש][ג]**, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דבר אחר, זאָגט ער מָשָׁל, אַ מֶלֶךְ**

---

[א] **בויקרא רבה** (שם, א): **אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, הדא הוא דכתיב** (תהלים קלט, ה) **אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וכו'. אם זכה אדם, אומרים לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית. ואם לאו, אומרים לו יתוש קדמך, שלשול קדמך.**

[ב] **באור החיים הק'** (בא יב, א): **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וגו'. טעם כֵּפֶל רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא וגו', נתכוון לומר כי חדש זה הוא רֹאשׁ פירוש מובחר שבחדשים, על דרך אומרו** (תשא ל, כג) **בְּשָׂמִים רֹאשׁ. ודקדק לומר לָכֶם, כי אינו משובח ומעולה שבחדשים אלא לישראל. ותמצא שאמרו רז"ל** (ראש השנה יא.) **בניסן נגאלו בניסן עתידין ליגאל, כי החודש מסויים לטובת ישראל. ועל זה רִאשׁוֹן הוּא ראוי להיות לָכֶם, שיהיו מונים מניסן לצד מעלתו וכו'.**

[ג] **בשמות רבה** (טו, לא): **דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, משל למלך שקידש אשה, וכתב לה מתנות מועטות, כיון שבא ללקחה, כתב לה מתנות רבות כבעל. כך העולם הזה אירוסין הן, שנאמר** (הושע ב, כא) **וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם,**

KolSatmar.com

האָט מְאַרֵס געווען, [און] ביי די אֵרוּסִין האָט ער נאָר געגעבן אַ מַתָּנָה. האָט ער געזאָגט, דאָס גיב איך דיר היינט, און ביי די נִשּׂוּאִין וועל איך דיר מער געבן.

כָּךְ הקדוש ברוך הוא, דעמאָלטס [מגאולת מצרים ואילך] איז געווען [בחינת] אֵרוּסִין, האָט מען געגעבן פאַר אידן די לְבָנָה, [וזהו] הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם.

[אָבער] לעתיד וועט זיין [כדכתיב] בֹּעֲלַיִךְ עֹשַׂיִךְ ה' צְ-בָאוֹת שְׁמוֹ, לעתיד וועט זיין [בחינת] נִשּׂוּאִין, והקדוש ברוך הוא ימסור להם הַכֹּל, וועט מען אַלעס איבערגעבן פאַר אידן, שנאמר וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד.

לז

וצ"ב הכוונה במה שאמרו שיםמור להם "הכל". וגם האיך נלמד זה מהפסוק וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ

כא) דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, וואָס הייסט עפּעס אַלעס.

כב) און וויאַזוי איז דאָס געדרינגען פון [דעם פסוק] וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, אַז אַלעס. - [דאָס] דאַרף אַלעס פְּשַׁט.

לח

**קושיא כג**

ברש"י הביא דנתקשה משה על מולד הלבנה, והראה לו באצבע ואמר לו כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ. ושוב כתב וכיצד הראהו, והלא לא היה מדבר עמו אלא ביום אלא סמוך לשקיעת החמה נאמרה לו פרשה זו. והוא מדברי המכילתא

[אויף] הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, זאָגט רש"י[ד], שנתקשה משה במולד הלבנה. - [און] ס'איז דאָך אַ גמרא אייגנטליך[ה]. - האָט דער בורא כל עולמים געוויזן [למשה את הלבנה, ואמר לו] כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ. [ווייל] ער איז נִתְקַשֶּׁה געווען, ער האָט נישט פאַרשטאַנען. (ועיין בזה להלן בקושיא כו).

לט

פרעגט ער [ברש"י] - ס'איז אַ מכילתא[ו] [ששואל כן, און] דאָס לשון פון די מכילתא ברענגט דאָרט רש"י, - 'ווען' האָט ער אים געוויזן?

והלא כל הדברות זענען דאָך נישט געווען נאָר ביום, [און אויף דעם] ברענגט ער [ברש"י] פְּסוּקִים אַז דער בורא כל עולמים האָט נישט גערעדט מיט משה רבינו'ן נאָר

---

ולא מסר להם אלא הלבנה בלבד, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם. אבל לימות המשיח יהיו נישואין, שנאמר (ישעי' נד, ה) כִּי בֹעֲלַיִךְ עֹשַׂיִךְ, באותה שעה מוסר להן את הכל, שנאמר (דניאל יב, ג) וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד.

[ד] ברש"י (בא יב, ב): הַחֹדֶשׁ הַזֶּה. הראהו לבנה בחידושה, ואמר לו כשהירח מתחדש יהיה לך ראש חודש. ואין מקרא יוצא מידי פשוטו, על חדש ניסן אמר לו זה יהיה ראש לסדר מנין החדשים, שיהא אייר קרוי שני, סיון שלישי. הַזֶּה. נתקשה משה על מולד הלבנה, באיזו שיעור תֵּרָאֶה ותהיה ראויה לקדש. והראה לו באצבע את הלבנה ברקיע, ואמר לו כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ. ○ וכיצד הראהו, והלא לא היה מדבר עמו אלא ביום, שנאמר (וארא ו, כח) וַיְהִי בְּיוֹם דִּבֶּר ה', בְּיוֹם צַוֹּתוֹ (צו ז, לח), מִן הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוָּה ה' וָהָלְאָה (שלח טו, כג). אלא סמוך לשקיעת החמה נאמרה לו פרשה זו, והראהו 'עם חשיכה'.

[ה] בגמרא מנחות (כט:): תנא דבי רבי ישמעאל, שלשה דברים היו קשין לו למשה, עד שהראה לו הקב"ה באצבעו, ואלו הן, מנורה, וראש חדש [פירש"י: בשעת מולד לבנה אינה נראית כי אם מעט, ואינה ניכרת, כדאמרינן בראש השנה (כד. ובעבודה זרה מג.) כזה ראיתם אם כזה ראיתם], ושרצים [לא היה מכיר איזה טמא ואיזה טהור]. מנורה, דכתיב (בהעלתך ח, ד) וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה. ראש חודש, דכתיב הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים. שרצים, דכתיב (שמיני יא, כט) וְזֶה לָכֶם הַטָּמֵא.

[ו] במכילתא בא (פרשה א): הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וגו'. רבי ישמעאל אומר, משה הראה את החדש לישראל, ואמר להם כָּזֶה הֱיוּ רואין וקובעין את החדש לדורות. רבי עקיבא אומר, זה אחד מג' דברים שנתקשה משה והראהו המקום את כלן באצבע וכו'. רבי שמעון בן יוחאי אומר, והלא כל הדברות שנדבר עם משה לא נדבר אלא ביום, והחדש הזה הראהו בלילה, וכיצד היה מדבר עמו ביום והראהו החדש בלילה, רבי אלעזר אומר נדבר עמו ביום 'עם חשיכה', והראהו החדש בחשיכה.

KolSatmar.com

בייטאָג, און די לְבָנָה איז דאָך נאָר ביי די נאַכט, [ואם כן] וויאַזוי האָט ער אים געוויזן [די לְבָנָה], ער האָט דאָך נישט גערעדט ביי די נאַכט, וויאַזוי האָט ער געזאָגט כָּזֶה.

[ומתרץ] אלא סמוך לשקיעת החמה האָט ער אים דאָס געזאָגט, און דעמאָלטס האָט ער אים געוויזן די לְבָנָה.

אַזוי זאָגט דער מדרש, [און] אַזוי זאָגט רש"י [ווי ער] ברענגט עס צי.

מ

וצ"ב כוונת אומרו סמוך לשקיעת החמה, דאם הוא סמוך מלפניו וביום, אם כן מוכח דהלבנה נראית גם ביום, ומעיקרא מאי קשיא ליה. ואם הוא סמוך מלאחריו ובלילה, אם כן אינו מובן מהו התירוץ, והלא לא נדבר עמו אלא ביום

כג) לכאורה [יש להבין] 'ווען' מיינט מען סמוך לשקיעת החמה.

[אויב] מיינט ער 'פאַר' שקיעת החמה, סמוך [לשקיעה מלפניו], ווען מ'זעט שוין די לְבָנָה, [אם כן] וואָס הייבט ער אָן צו פרעגן, [והרי לפי זה מוכח כי] מ'זעט דאָך בייטאָג די לְבָנָה אויכעט, קאָן מען דאָך זען [ווען] ס'איז נאָך טאָג.

[ואם כן] וואָס דאַרף ער פרעגן, [און] מאַכן פון דעם אַ קַשְׁיָא מיט אַ תֵּירוּץ.

מא

אלא [אויב] מיינט ער [בקושייתו] ווייל דעמאָלטס זעט מען נאָכנישט אַזוי גוט, איבערהויפּט דעם מוֹלָד ווען ס'איז נאָך קליין, ביז מ'זעט שפּעטער [לאחר שקיעת החמה. אם כן יוקשה] נו וואָס האָט ער איםווידעראום געענטפערט [באומרו שהיה זה] סמוך לשקיעת החמה ['מלאחריו']. - ממה נפשך, - אָבער איז דאָך שוין ווידער נאַכט, [והדברות לא היו אלא ביום].

ממה נפשך [בין אם נפרש סמוך לשקיעה מלפניו, ובין אם נפרש סמוך לשקיעה מלאחריו], מוז מען דאָך פאַרשטיין וואָס ער זאָגט.

מב

**קושיא כד**

וברמב"ם כתב דהראה לו הקב"ה למשה בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה דמות לבנה, ואמר לו כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ

נאָר דאָס חִידוּשׁ איז [מה שכתב הרמב"ם בזה, דהנה] דאָ [אין] דער מכילתא, - ס'איז דאָך אַ מאמר חכמינו ז"ל וואָס רש"י ברענגט דאָ, - זעט מען בְּפֵירוּשׁ [אַז] ער האָט אים געוויזן די לְבָנָה 'בְּפוֹעֵל'. וואָרן ער פרעגט דאָך [אַ קשיא] וויאַזוי ער האָט אים געקאָנט ווייזן בייטאָג.

[אָבער] דער רמב"ם אין פרק א' מהלכות קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ, זאָגט ער[ז] אַז דער בוכ"ע האָט געוויזן [פאַר] משה רבינו'ן די לְבָנָה בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה. ס'איז געווען אַ נְבוּאָה[ח].

מג

וצ"ב מהיכן למד הרמב"ם לומר כן, והלא אדרבה מדברי המכילתא שהביא רש"י, דמקשה דהלא לא נדבר עמו אלא ביום, ומתרץ דהיה סמוך לשקיעת החכמה, מזה מוכח דהראה לו הלבנה בפועל, ולא במראה הנבואה

כד) לכאורה [קשה על דברי הרמב"ם, שהרי] אין די מכילתא זעט מען דאָך בְּפֵירוּשׁ 'נישט אַזוי', וואָרן אַז ס'איז געווען בִּנְבוּאָה האָט ער דאָך אים געקאָנט ווייזן בייטאָג

---

[ז] ברמב"ם (קידוש החודש א, א): חדשי השנה הם חדשי הלבנה, שנאמר (פנחס כח, יד) עֹלַת חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ, ונאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, כך אמרו חכמים, הראה לו הקב"ה למשה בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה דמות לבנה, ואמר לו כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ.

[ח] וכן כתב גם בגור אריה (בא יב, ב) עיי"ש.

KolSatmar.com

אויך, הייבט זיך נישט אָן די גאַנצע ׳קַשְׁיָא׳, און איך מוז נישט זאָגן [די ׳תֵּירוּץ׳] אַז ס׳איז געווען [ביי] שְׁקִיעַת הַחַמָּה.

לכאורה [לא מצאנו המקור לזה] פון וואו האָט דאָס דער רמב״ם גענומען אַז דאָס איז געווען אַ נְבוּאָה, [ובפרט] אַז ס׳איז בְּפֵירוּשׁ אַ מכילתא שטייט אַזוי [דמשמע שהיה ראייה בפועל], פון וואו האָט ער דאָס גענומען אַז ס׳איז געווען אַ נְבוּאָה אינגאַנצן.

(המשך וסיום קושיא כד, באות מח)

מד

ומה שקשה עוד האיך אפשר לקדש החודש על פי ראיית נבואה, ותורה לא בשמים היא, וצריך לקדש על פי ראייה חושית. על זה אפשר לומר דשאני התם בפעם ראשונה, ובפרט שהיה קודם מתן תורה ולא נתחדשה עדיין ההלכה דלא בשמים היא

נאָר [מה שיוקשה עוד על הרמב״ם] וויאַזוי מ׳האָט געקאָנט מְקַדֵּשׁ הַחֹדֶשׁ זיין בִּנְבוּאָה, [והלא תורה לא בשמים היא. אויף] דאָס קאָן מען זאָגן [אַז] מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט [יאָ] געקענט.

מה

כאָטשיג מ׳טאָר דאָך נישט [זאָגן] קיין הלכה ׳בִּנְבוּאָה׳ [שהרי תורה לא בשמים היא[ט]], אָן אַנדערער טאָר נישט [מקדש החודש זיין] בִּנְבוּאָה, נאָר אַז ער זעט. אָדער [דורך] דער חשבון, אָדער [אַז] ס׳איז דאָ עֵדֵי רְאִיָּה.

[און] דער גאַנצער קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ [בבית דין] איז דאָך פון דאָרטן געדרינגען, [פון דעם וואָס] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר משה ואהרן, און דער בורא כל עולמים האָט זיך מְצָרֵף געווען בִּשְׁלֹשָׁה, [ועל זה נאמר] ״לָכֶם״ [כיוצא בכם, שצריך בית דין של שלשה], פון דאָרט איז דאָך דאָס געדרינגען, אַזוי שטייט אין די גמרא אין ראש השנה[י]. [און] פון דאָרט איז געדרינגען דער גאַנצער קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ, די גאַנצע מִצְוָה פון קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ[יא] [ופרטי דיניה. און] ס׳איז איינס פון די מִנְיַן הַמִּצְוֹת (כדלהלן באות נב), איז דאָס געדרינגען פון דאָרט [מהפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם].

מו

נאָר דאָס קען זיין, [אַז] כאָטשיג מ׳טאָר נישט [לפסוק הלכה] בִּנְבוּאָה, אָבער דעמאָלטס נאָך [בפעם הראשונה כשניתנה ונתחדשה המצוה, האט מען יאָ געקענט].

---

[ט] כמבואר בגמרא בבא מציעא (נט.).

[י] בגמרא ראש השנה (כה:): ראוהו שלשה והן בית דין, יעמדו שנים ויושיבו מחביריהם אצל היחיד. אמאי [פירש״י: אמאי יעמדו שנים ויעידו, הלא ראוהו כולן, יקדשוהו בראייתם], הכא נמי נימא לא תהא שמיעה גדולה מראייה [דלא תהא שמיעה ששומעין מפי עדים, גדולה מראייה, דהא גבי עדות החדש לא כתיב עדות, אלא כזה ראה וקדש] וכו׳. סיפא איצטריכא ליה, דאין היחיד נאמן על ידי עצמו, דסלקא דעתך אמינא הואיל ותניא דיני ממונות בשלשה, ואם היה מומחה לרבים דן אפילו ביחיד, הכא נמי ניקדשיה ביחידי, קא משמע לן. ○ ואימא הכי נמי, אין לך מומחה לרבים בישראל יותר ממשה רבינו, וקאמר ליה הקב״ה עד דאיכא אהרן בהדך, דכתיב וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם.

ובשמות רבה (טו, כ): דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, למה אמר הקב״ה למשה ולאהרן, לפי שקידוש החודש בשלשה, כשבקש הקב״ה לקדש את החודש אמר הקב״ה למשה ולאהרן אני ואתם נקדש את החודש, הדא הוא דכתיב וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן.

ובפסיקתא רבתי (פרשה טו): ר׳ ברכיה ר׳ חייא בשם ר׳ יוחנן, נתעטף הקב״ה בטלית מצויצת, והעמיד למשה מכאן ולאהרן מכאן, וקרא למיכאל ולגבריאל ועשה אותם כשלוחי החודש, ואמר להם באיזו צד ראיתם את הלבנה, לפני החמה או לאחר החמה, לצפונה או לדרומה, כמה היא גבוה ולאין היתה נוטה, וכמה היתה רחבה (כלשון המשנה ר״ה כג:). אמר להם כסדר הזה שאתם ראיתם, כך יהיו בָּנַי מעבירים את השנה למטן על ידי זקן וע״י עדים ועל ידי טלית מצוייצת.

[יא] בגמרא ראש השנה (כ.-כב. ועוד), עיי״ש באורך.

KolSatmar.com

**איבערהויפּט** [אַז ס'איז געווען נאָך] **פּאַר מַתַּן תּוֹרָה.** [ועדיין לא ניתנה תורה בארץ, ולא שייך לומר תורה לא בשמים היא].

מז

ועוד שכבר כתב החתם סופר דשאני משה רבינו דהיה יכול להגיד דין בנבואה אף לאחר מתן תורה, שהרי כל התורה כולה ניתנה על ידו בנבואה, במשך המ' שנה, ורק סמוך להסתלקתו נאמרה ההלכה כי מעתה תורה לא בשמים היא

**און עקסטערדעם,** [הרי שאני] **מֹשֶׁה רַבֵּינוּ** [משאר הנביאים].

**ווי דער חתם סופר איז מְבֹאָר**[כב]**,** [אַז] **מֹשֶׁה רַבֵּינוּ** [וויבאלד] **די גאַנצע תּוֹרָה האָט 'ער' דאָך געגעבן בִּנְבוּאָה,** [דאָס] **האָט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ געבּרענגט,** [ממילא] **'ער' האָט נאָך געקענט זאָגן** [לפסוק הלכה] **בִּנְבוּאָה.**

**נאָר אַן אַנדערער שוין נישט** [משום דכבר ניתנה תורה, ונצטוו דמעתה תּוֹרָה לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא], **אָבער ער נאָך יאָ.**

מח

**סיום קושיא כד**

אבל זה ודאי קשה מהיכן למד הרמב"ם לומר כן שהראה לו הלבנה במראה הנבואה, ולא רק בפועל

**יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, אָבער קודם** [הא ודאי קשה] **פון וואו האָט דאָס דער רמב"ם גענומען, מ'געפונט** [עס] **נישט אין ערגעץ אין די גמרא דאָ, מ'זעט** [עס] **נישט אין ערגעץ** [שהראה לו בִּנְבוּאָה. און לויט] **ווי רש"י ברענגט דאָ, אַז אין די מכילתא איז 'אַזוי'** [משמע, שהראה לו בראיה ממש]**, איז דאָך גאָר בְּפֵירוּשׁ 'נישט אַזוי'.**

---

[כב] **בשו"ת חתם סופר** (או"ח סימן רח, ד"ה ויש כאן)**: ויש כאן מקום לשאול, אכתי אם אמר אליהו כך הורה זקן פלוני בארץ ולא בשמים, למה לא נאמין לאליהו** [משום תורה לא בשמים היא]**. וכהאי גונא אמרינן בעירובין** (מג.) **הני שב שמעתתא דאמרינהו בצפרא דשבתא קמיה דרב חסדא בסורא, בפניא דשבתא קמיה דרבא, בפומבדיתא מאן אמרן, לאו אליהו אמרן, עיין שם. ואם כן הכא נמי** [בעובדא דרבה שבבבא מציעא פו.] **אי סלקא דעתך מאי דאמר רבה בשעת מיתה הילכתא כוותיה, אמאי לא נאמין עדותו של אליהו או חלום צודק ברוח הקודש דהכי הוה בארעא, ולא בשמים היא. ○ זה קל להבין. דהנה הא דלא בשמים היא** (בבא מציעא נט:)**, ושאין הנביא רשאי לחדש דבר מעתה** (שבת קד.)**, הוא יסוד ושורש כל התורה כולה, דאי לאו הכי אין כאן תורה כלל. דהרי כבר היה לעולמים** (שבת קטז:) **דאמר ההוא מינא, מיומא דגליתון מארעכון אתנטלו אורייתא דמשה ואתיהיב אורייתא אחריתי עיין שם. ואפשר יעשה אותות ומופתים ע"י תחבולות וכישוף, ונביא הישמעאלים עשה כן, ושבתי צבי תר"ו** [תיפח רוחו ונפשו] **אמר שנתהפכו המצות ונעשו מעשיין לאוין ומלאוין עשיין. ואפילו אם לא נאמין כן בכללות התורה, מ"מ אין שום מצוה שתשאר במתכונתה, כל אחד יאמר חלמתי חלום שחלב זה אסור וזה מותר, וזה יאמר כך וזה כך, ותפוג תורה. על כן כללא כייל הקב"ה שאין הנביא רשאי לחדש שום מצוה מהישנות,** [באופן כין] **יתבאר ויתפרש משמים, כי אם על דעת חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, וזהו צורך גדול. ○ וממילא אפילו יאמר אליהו בשם תלמיד חכם בארץ, ואין אנו יכולים לברר הדבר כמו שהיה בהא דרב חסדא ורבא בעירובין הנ"ל שהיה אפשר לברר, אבל היכי דאי אפשר לברר, כגון עובדא דרבה שכבר מת, ואליהו יאמר בשמו ואין אנו יכולים לברר דבריו, אם כן אם נעשה מעשה על פי עדותו של אליהו, תפוג תורה, כל אחד יאמר נגלה לי בחלום או אליהו אמר לי בשם פלוני תלמיד חכם שאמר קודם מותו כך וכך, על כן אין לפסוק הלכה על זה וכיוצא בזה. ○ ומשום הכי אין זה נוהג אלא אחר מיתת משה רבינו ע"ה, אבל** [אצל] **משה רבינו ע"ה בעצמו לא היה שייך חשש זה. דהרי המגדף שרצה לנטוע אהלו בשבט דן ויצא מבית דינו של משה חייב, דלמשפחותם לבית אבותם כתיב** (תורת כהנים ורש"י אמור כד, י)**, וקשה מכל מקום מי הגיד לנו שאיננו משבט דן, וכי מפני בעילה אחת שבעל הנוגש המצרי את אמו נידון לבן איש מצרי, הלא קיימא לן** (חולין יא:) **רוב בעילות אחר הבעל, אפילו פרוצה ביותר, כן כתב בה"ג בהל' מילה, והובא בהרא"ש פרק יש נוחלין** (בבא בתרא קכז:) **ומביאו בית שמואל** (אה"ע ד, כו) **וכו'. ○ נחזור להנ"ל מי הגיד שהיה בן מצרי, אם לא משה רבינו ע"ה ברוח הקודש, ולזה יוצדק שיצא מבית דינו של 'משה' מחוייב, ומשום הכי חרה אפו של זה וגידף. והנה פשוט דאם יאמר נביא על אחד שהוא פסול, לא נפסוק דין על זה, ועיין מתניתין סוף עדיות** (ח, ז) **אין אליהו בא** [לטמא ולטהר לרחק ולקרב] **וכו', ונחמיה** (ז, סה) **אמר להכהנים שלא מצאו יחוסיהם עַד עֲמֹד הַכֹּהֵן לְאוּרִים וּלְתֻמִּים, משמע ע"י אורים ותומים יתבררו, היינו היכא שאנו כבר מסופקים, אבל לומר על אחד שהוא בחזקת רוב בנים, בוודאי הוא בכלל לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא, ורק משה רבינו ע"ה היה בידו כן, ולא אחר.**

[ויתכן] **אפשר האָט ער געטראָפן עפּעס אַ מדרש ערגעץ**[יג]. **אָבער מ'געפונט דאָס נישט** [במדרשים שלפנינו] **אַז ער האָט געזען** [די לְבָנָה] **בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה.**

מט

וגם מצד הסברא אינו מובן, דמאיזה סיבה יהיה צורך להראות לו הלבנה במראה הנבואה, ולא בראייה חושית כמו שעשו בית דין בכל הדורות לקדש על פי ראייה ממש

**און** [גם עצם הענין צריך הסבר וטעם] **'פאַרוואָס' מוז איך טאַקע זאָגן אַז ס'איז געווען בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה, וואָס פעלט מיר דאָס אויס,** [והלא סגי להראותו מולד הלבנה בפועל, וכדרך שהיה אצל כל בית דין בכל הדורות].

[ואם כוונתו לתרץ בזה קושית המכילתא דהלא לא נדבר עמו אלא ביום, הרי] **די קשיא איז דאָך נישט אַזאַ האַרבע קשיא, ס'איז דאָ אַ תֵּירוּץ** [פשוט] **'פון אויבן אויף',** [אז] **ער האָט געזען** [וועזן] **ער האָט אים געוויזן סָמוּךְ לִשְׁקִיעַת הַחַמָּה, ס'איז דאָך אַ גראָדע זאַך** [שהיה יכול לראותה בראייה חושית], **פאַרוואָס קען מען דאָס נישט זאָגן.**

[ואם כן] **וואָס ברענגט מיך דערצו** [אַז] **איך זאָל זאָגן אַז ס'איז געווען בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה.** (ועיין עוד להלן באות נט)

נא

**קושיא כו**

גם צריך ביאור להבין גוף הענין מה שנתקשה משה במולד הלבנה עד שהוצרך להראות לו, והלא כל החכמים שבכל הדורות ידעו סוד העיבור ואופן ראיית מולד הלבנה בקבלה, ובמה נתקשה משה להבין זה

**כו) נאָר לאָמיר זען. קודם וועל מיר שמועסן דאָ דעם גאַנצן ענין וואָס ס'איז נִתְקַשֶּׁה משה,** [און] **מ'האָט אים געמוזט ווייזן.**

[והרי לכאורה] **אַלע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און אַלע סנהדרין ביז צום סוף** [ימי הסנהדרין, אין] **די לעצטע דורות** [כשעדיין היו דיינים סמוכים] **האָבן דאָך אַלע געוואוסט דעם סוד הָעִבּוּר, זיי האָבן דאָך געקאָנט מְעַבֵּר** [ומקדש] **זיין חֳדָשִׁים.**

**זיי האָבן געוואוסט אויסצופרעגן די עֵדוּת**[יד] [האיך ראו את הלבנה, ווייל] **זיי האָבן געוואוסט וויאַזוי ס'ברויך צו זיין דער מוֹלָד** [הַלְּבָנָה, באופן ראייתה, און] **זיי האָבן געוואוסט דעם חֶשְׁבּוֹן**[טו] [באיזה 'זמן' צריך להיות המולד]. **זיי האָבן אַלעס געוואוסט. און מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט נישט געקענט וויסן? מ'האָט אים געמוזט ווייזן כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ?**

נב

**הקדמה לקושיא כו**

בפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם למדנו מצות קידוש החודש הנוהג בכל ר"ח, ולדעת הרמב"ם גם מצות עיבור שנים

[נאָר] **לאָמיר זען דאָס ענין. איך האָב דאָ מִתְבּוֹנֵן געווען אַזוי אין פָּסוּק, אין דעם הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.**

[דהנה] **ס'איז דאָך אַ מִצְוַת עֲשֵׂה** [דקידוש החודש בזה הפסוק, והוא] **איינס פון די מִנְיַן הַמִּצְוֹת** [בחשבון תרי"ג].

[און] **דאָ איז דאָ לעולם צוויי זאַכן, קִדּוּשׁ חֳדָשִׁים, און עִבּוּר שָׁנִים.**

---

[יג] וכמו שכתב כן בלשון אמרו החכמים. ועיין להלן באות נט, שכן מוכח גם בדברי הפיוטים לשבת החודש. [ועיין בדברי רבינו בס"ג ויקהל תשכ"ז, ובויואל משה (ב, מח), ועוד, שהרמב"ם היה לו גם מדרשים אחרים שלא נמצאו תחת ידינו, ונאבדו באורך הזמן].

[יד] כמבואר במשנה ראש השנה (כג: וכד.).

[טו] כמבואר במשנה שם (כה.), ובגמרא (כ:).

[וואָס] **דער רמב"ם**[טז] **רעכנט עס פאַר איין מצוה.**

**און דער רמב"ן**[יז] **רעכנט עס פאַר צוויי מִצְוֹת.** [כי סובר] **ס'איז אַן עקסטערע זאַך,** [ווייל] **עִבּוּר שָׁנִים איז** [נלמד] **פון ערגעץ אַנדערש** [מהפסוק שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב (ראה טז, א)].

**אָבער על כל פנים** [לכולי עלמא] **דער** [פסוק] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה, די מִצְוָה איז לְקַדֵּשׁ חֳדָשִׁים,** [און אַז] **מ'זאָל רעכענען 'ווען' ס'איז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. און אָן דעם איז נישט פאַרהאַנדן** [קיין מועדים], **איז נישטאָ קיין חוֹדֶשׁ.**

נג

**נאָר מילא, אונז פאַרלאָז מיר זיך אויף 'זייער' חשבון, וואָס רב הלל**[יח] **האָט אויסגערעכנט** [די חשבונות אויף] **ביז מָשִׁיחַ וועט קומען**[יט].

---

[טז] **בספר המצות להרמב"ם** (מ"ע קנג): **שצונו לקדש חדשים, ולחשוב חדשים ושנים, וזו היא מצות קדוש החדש.** והוא אומרו יתברך **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים,** ובא הפירוש (ראש השנה כב.) **עדות זו תהא מְסוּרָה 'לָכֶם',** כלומר שמצוה זו אינה מְסוּרָה **לכל איש ואיש** כמו שבת בראשית שכל איש ימנה ששה ימים וישבות בשביעי, עד כשתראה לכל איש ואיש הלבנה שיקבע היום ההוא ראש חדש, או ימנה מנין תוריי ויקבע ראש חדש, או יעיין איחור האביב וזולתו ממה שראוי להסתכל בו ויוסיף חודש, אבל מצוה זו לא יעשה אותה לעולם זולתי **בית דין הגדול לבד,** ובארץ ישראל לבד. ולכן בטלה הראיה אצלנו היום, להעדר בית דין הגדול, כמו שבטל הקרבת הקרבנות להעדר המקדש וכו'.

והנה באו רמזים בכתוב יורו על שרשי המלאכה שיסמכו בהם בידיעת ראשי חדשים ועיבור שנים. מזה אומרו (בא יג, י) וְשָׁמַרְתָּ אֶת הַחֻקָּה הַזֹּאת לְמוֹעֲדָהּ מִיָּמִים יָמִימָה, אמרו (מכילתא דרשב"י בא שם, עי' מכילתא דידן בא פ"ב) מלמד שאין מעברין את השנה אלא בפרק הסמוך למועד. ואמרו (מכילתא דרשב"י שם) מנין שאין מעברין את החדש אלא ביום ואין מקדשין את החדש אלא ביום, תלמוד לומר מִיָּמִים יָמִימָה. ואמר יתברך (בא יב, ב. פנחס כח, יד) לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, אמרו חדשים אתה מחשב לשנים ואי אתה מחשב ימים, והורה שהתוספת בה אמנם יהיה חודש שלם. ואמר (ויצא כט, יד) חֹדֶשׁ יָמִים, אמרו (מגילה ה.) ימים אתה מחשב לחדש ואי אתה מחשב שעות. ואמר (ראה טז, א) שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב, הורה כי שְׁנָתֵנוּ ראוי שנשמור בה פרקי השנה, ולכן תהיה שִׁמְשִׁית [שחודש ניסן יחול לפי הילוך השמש ושנת החמה]. וככר התבארו משפטי מצוה זו כולם בשלמות, בפרק ראשון מסנהדרין, ובמסכת **ראש השנה** (פרק א-ג) **וברכות** (סג.) גם כן.

[יז] **בהשגות הרמב"ן** על ספר המצות (בשורש ראשון, דף יב.): **אבל חישוב תקיפות שֶׁמָּנָה בעל ההלכות** (בה"ג), הוא מצות עיבור שנים על התקופות, דכתיב **שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב,** על פי מה שאמרו **בגמרא ראש השנה** (כא.) כד חזית דמשכא תקופת טבת עד שיתסר בניסן, עברה להההיא שתא ולא תיחוש, **דכתיב שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב,** שמור את החדש שהוא סמוך לאביב, מלמד שמעברין את השנה שיהא אביב בזמנו וכו', וזו מצות עשה היא, כמי שאמרו חכמים (מנחות לו:) השמר דעשה עשה.

והנה הרב עצמו ז"ל מנה מצוה קנ"ג **לקדש חדשים, ולחשוב שנים וחדשים בבית דין בלבד,** שנאמר **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.** ואמנם הרב יחשוב כל תיקוני העיבור, מצות עשה אחת. **אבל בעל ההלכות** יעשה אותם שתים, מנה קביעות ראשי חדשים, וחישוב תקופות כלומר עיבור שנים, כי אצלו **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם** מצות עשה אחת, להורות על קביעות החדשים. **וְשָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב,** או **וְשָׁמַרְתָּ אֶת הַחֻקָּה הַזֹּאת לְמוֹעֲדָהּ,** שמירה על עיבור השנים מצות עשה אחרת. [ועיי"ש מה שהאריך עוד להביא ראיות מחז"ל לשיטת הבה"ג בזה, ואכמ"ל].

[יח] עיין **ברמב"ם** (קידוש החודש ה, ג): **ומאימתי התחילו כל ישראל לַחְשֹׁב בחשבון זה,** מסוף חכמי 'תלמוד' בעת שחרבה ארץ ישראל ולא נשאר שם בית דין קבוע, אבל בימי חכמי 'משנה' וכן בימי חכמי 'תלמוד' עד ימי אביי **ורבא,** על קביעת ארץ ישראל היו סומכין [שהיה שם בית דין סמוכין שקידשו החודש].

וז"ל **הרמב"ן בספר הזכות** (השגות על הרי"ף, פ"ד דגיטין): **בשנת תר"ע לשטרות** [והוא שנת ד' אלפים קי"ט לבריאת העולם] **מימי הלל בנו של רבי יהודה הנשיא** [השני], בטלה סנהדרין מארץ ישראל ובטלו מומחין ממנה, **והוא שתיקן סדר העיבור וּמָנָה שנים וְקִדֵּשׁ חדשים לדורות.**

ועיין **בספר יוחסין** (לרבי אברהם זכות, מאמר ראשון): **רבי בכל המשנה וכו',** והוא ז' להלל, מזרע המלוכה מצד אמו של הלל, משפטיה בן אביטל אשת דוד המלך וכו'. ובנו רבן גמליאל, ובן בנו יהודה נשיאה שהיה בזמן ר' אמי ור' אסי, **ובנו של ר' יהודה נשיאה רבי הלל הנשיא שתיקן העבור לכל ישראל קודם שתתבטל הסמיכה עד ימי המשיח,** והם עשרה דורות, התחילו מהלל וסיימו בהלל.

ועוד שם (במאמר שני): **הלל הנשיא,** העשירי להלל הזקן, וזה בנו של ר' יהודה הנשיא המחזיק ידי ר' יוחנן ור' אמי וכו'. **וזה הלל החסיד, כיון שראה הגלות גברה, היה ירא שיבטלו הסמיכה, ואם ח"ו תתבטל יהיו ישראל בלא ר"ח ומועדים וצום כפור ומצות שופר וסוכה ולולב וערבה ומצה ואיסור חמץ,** שכל זה תלוי בקריאת וקידוש בי"ד העומדים במקום משה ואהרן ע"ה, החדש הזה לכם בידכם תהא מסורה, **בא ותקן ברוב חכמתו**

KolSatmar.com

ער האָט אויסגערעכנט [ס'זאל זיין חודש] **אֶחָד מָלֵא וְאֶחָד חָסֵר**. [און] **הגם נישט אַלעמאָל שטימט פונקטליך** [דער ראש חודש מיטן מולד הלבנה], **אָבער ער האָט עס געטון אַזוֹי** [כדי שיהיה באופן שוה, ומתקיים קידושו בכל אופן, דהרי מתקיים גם על דרך] **אַתֶּם אֲפִילוּ שׁוֹגְגִין וַאֲפִילוּ מְזִידִין**[כ], [ווייבאַלד] **ס'איז נישטאָ קיין בְּרֵירָה.**

**ווייל ער האָט געזען** [אַז] **די דוֹרוֹת אַחֲרוֹנִים** [לא יוכלו לקדש על פי הָרְאִיָּה], **ער האָט געזען** [אַז] **די שפּעטערע דורות וועלן נישט פאַרשטיין דערצו, זיי וועלן נישט קענען** [מקדש החודש זיין]. **אַזוי ווי ס'איז בעונותינו הרבים. האָט מען נישט געקענט** [לאָזן אויף די רְאִיָּה], **האָט מען דאָס איבערגעלאָזט** [אויפן חֶשְׁבּוֹן].

[ווייל] **אַז נישט חלילה** [יתבטלו המועדים, און] **דער בִּטּוּל הַמּוֹעֲדִים איז אַ הִתְבַּטְּלוּת פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל**[כא], **אַזוי ווי דער רמב"ם זאָגט**[כב].

---

**חשבון העיבור שמצוי בידינו, והמולדות, כמו שהיה מקובל בידו מאבותיו עד דוד המע"ה ועד משה מפי הגבורה, והוא עם בית דינו קידש כל החדשים והמועדות, וְסִדֵּר הי"ט שנים הפשוטות והמעוברות כפי תקופת רב אדא בענין האביב, שלא יהיה י"ז בניסן שהוא יום העומר אלא בתקופה חדשה של ניסן ואביבות, וכן תקן הדחיות בראש השנה בעבור יום הכיפור שלא יבא ביום ו' ויום א', ויום ערבה שלא יבא בשבת, וכן י' בטבת וכו', הכל תיקן וקידש עד שיבא משיח צדקנו בן דוד ויבנה בית המקדש. וכל זה סיבב השי"ת ויתעלה, ולו נתכנו עלילות לתת בלבו לעשות זה הדבר, לקיים הכתוב כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ** (וילך לא, כא), **כאשר כתב הרמב"ם ז"ל בספר המצות וכו'. וזה היה בזמן אביי ורבא, וכן כתב ר' שמעון דוראן בפי' האזהרות.**

**ועיין עוד בסדר הדורות** (ד"א קי"א וקי"ח, ובסדר תנאים ואמוראים ערך הלל הנשיא).

[יט] עיין באורך **ברמב"ם** (קידוש החודש, פרק ה) **ובספר המצות** (מ"ע קנג) **והשגות הרמב"ן** (שם, אות ט) **ומגילת אסתר** (שם), **ובספר החינוך** (מצוה ד), **ובעל המאור** (ראש השנה כ:). **וע"ע בחידושי הריטב"א** (סוכה מג. ד"ה אי הכי) **וחידושי הר"ן** (סנהדרין יא. ד"ה אין מעברין, ושם ע"ב ד"ה דילמא) **ובספר יסוד עולם לתלמיד הרא"ש** (מאמר ד, פרק ט). **ועיין סדר החשבון בזה באורך בטור** (או"ח סימן תכז-תכח).

[כ] **במשנה ראש השנה** (כה.): **יש לי ללמד שכל מה שעשה רבן גמליאל עשוי, שנאמר** (אמור כג, ב) **אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם** [פירש"י: בקריאת בית דין תלאו הכתוב], **בין בזמנן בין שלא בזמנן, אין לי מועדות אלא אלו.**

**ובגמרא שם: הרי הוא אומר אַתֶּם אַתֶּם אַתֶּם שלש פעמים** [פירש"י: שלשה זמנין כתיב אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ 'אֹתָם' בפרשת שור או כשב (אמור שם, ב ד לז), וקרי ביה תִּקְרְאוּ 'אַתֶּם'], **אַתֶּם אפילו שוגגין** [מאליהן, כסבורין שהוא ראוי להתעבר וטועין], **אַתֶּם אפילו מזידין, אַתֶּם אפילו מוטעין** [על ידי עדי שקר].

[כא] **והביאור בזה עיין בדברי יואל לחנוכה** (ח"א אות נא), **ובס"ג וישלח תשי"ז** (לשון קדשו קונטרס י ח"א, אות קח-קט), **וס"ג החודש תש"כ** (קונטרס נז), **ובדרשה שב"ק פינחס תשי"ט בבני ברק, ועוד.**

**ועיין בזה גם בויואל משה** (א, מ) **וכתב שם בתוך הדברים: גם הרמב"ן לא פליג בזה** [על עיקר הענין שאי אפשר להיות ביטול המועדים, מפאת השבועה שלא יכלה האומה], **אלא על גוף ההלכה. שלדעתו אף אילו לא היה עכשיו בארץ ישראל שום איש מישראל, גם כן לא בטלו המועדים והחדשים, כי סגי בקביעות החדשים שנעשו אז על ידי הלל הנשיא עד ביאת הגואל.**

[כב] **בספר המצות להרמב"ם** (שם): **ודע שהחשבון הזה שנמנה אותו היום, ונדע בו ראשי חדשים והמועדים,** אי אפשר לעשותו אלא בארץ ישראל לבד. אלא בעת הצורך ובהעדר החכמים מארץ ישראל אז אפשר לבית דין הסמוך בארץ ישראל שיעבר השנים ויקבע חדשים בחוצה לארץ, כמו שעשה רבי עקיבא, כמו שהתבאר בתלמוד (ברכות סג.) וכו'. ובכאן שורש גדול מאד משרשי האמונה, לא ידעהו ולא יתבונן במקומו אלא מי שדעתו עמוקה, **וזה שהיותינו היום בחוצה לארץ מונים במלאכת העיבור שבידינו,** ואומרים שזה היום ראש חדש וזה היום יום טוב, **לא מפני חשבוננו נקבעהו יום טוב בשום פנים, אלא מפני שבית דין הגדול שבארץ ישראל כבר קבעו זה היום יום טוב, או ראש חדש,** ומפני אמרם שזה היום ראש חדש או יום טוב, יהיה יום טוב או ראש חדש, בין שהיתה פעולתם זאת בחשבון, או בראיה, כמו שבא הפירוש (ראש השנה כה. והובא להלן) אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם וגו' אין לי מועדות אלא אלו, כלומר שיאמרו הם שהם מועדות, אפילו שוגגין אפילו אנוסין אפילו מוטעין, כמו שבאתנו הקבלה. ואנחנו אמנם נחשב היום, כדי שנדע היום שקבעו בו בני ארץ ישראל, כי במלאכה הזאת בעצמה מונין וקובעין היום, לא בראיה, ועל קביעתם נסמוך, לא על חשבוננו, אבל חשבוננו הוא לגלויי מילתא, והבן זה מאד.

**ואני אוסיף לך ביאור, אילו אפשר דרך משל שבני ארץ ישראל יעדרו מארץ ישראל, - חלילה לָקֵל מעשות זאת, כי הוא הבטיח שלא ימחה אותות האומה מכל וכל, - ולא יהיה שם בית דין, ולא יהיה בחוצה לארץ בית**

KolSatmar.com

נד

**קושיא כז**

**על כל פנים ׳דאָס׳ איז די מִצְוָה פון** [הַחֹדֶשׁ] **הַזֶּה, אַז מ׳זאָל קוֹבֵעַ זיין רָאשֵׁי חֳדָשִׁים.** [און] **דעס איז דאָך אויף יעדן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, נישט נאָר נִיסָן.**

נה

אולם בהמשך הפסוק נזכר המצוה למנות ניסן ראש לחדשים, שהוא מצוה אחרת

**כז) און סוֹף כָּל סוֹף** [קומט אויס אַז] **דער ׳סוֹף׳ פונעם פסוק לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים** [וביותר בהסיפא רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה], **גייט דאָך אַרויף אויפן גאַנצן** [חודש] **נִיסָן, אַז נִיסָן איז דער ערשטער, אַז איך רעכן ניסן דאָס ערשטע** [חודש], **אַז ס׳איז רֹאשׁ הַשָּׁנָה לֶחֳדָשִׁים**[כג]**.**

[ווי] **די גמרא זאָגט**[כד] [אַז] **פון דאַנעט איז** [עס] **געדרינגען.** [וכמו שאמרו בגמרא] **פונוואַנעט ווייס איך אַז נִיסָן איז רֹאשׁ הַשָּׁנָה לֶחֳדָשִׁים, שנאמר** [הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם] **רֹאשׁ חֳדָשִׁים** [רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה]**.**

**גייט דאָך אַרויף דער** [לשון הפסוק] **רֹאשׁ חֳדָשִׁים, נאָר אויף נִיסָן.**

נו

והוא פלא שהפסוק מזכיר בהמשך אחד ב׳ ענינים נפרדים, שהם מצות קידוש החידוש, וענין חשיבות חודש ניסן

**און דער ׳אָנהייב׳ פסוק** [הַחֹדֶשׁ] **הַזֶּה, גייט אַרויף אויף יעדן חוֹדֶשׁ.**

**איך מוז דאָך אַזוי זאָגן, וואָרן די מִצְוַת עֲשֵׂה פון קִדּוּשׁ חֳדָשִׁים איז דאָך אין יעדן חוֹדֶשׁ, נישט נאָר נִיסָן. אַלע חוֹדֶשׁ האָט מען געמוזט קוֹבֵעַ זיין ׳ווען׳ ס׳איז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. גייט דאָך אַרויף דער הַזֶּה אויף די לְבָנָה, נישט אויפן חוֹדֶשׁ דוקא,** [נאָר] **אויף די לְבָנָה.**

**און תיכף לאָזט ער אויס לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים** [וגו׳, וואָס] **דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך, אויפן חוֹדֶשׁ נִיסָן, אַז ס׳איז רֹאשׁ הַשָּׁנָה לֶחֳדָשִׁים, דאָס איז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אויף אַלע חֳדָשִׁים.**

(המשך וסיום קושיא כז, באות סג)

נז

**ווי דער מדרש זאָגט אַ מָשָׁל – אין מדרש רבה**[כה] – [אַז] **דער זון** [בנו של מלך] **איז געווען אין געפאַנגענשאַפט,** [און] **ווען ער איז אויסגעלייזט געוואָרן, האָט ער אים געזאָגט דעם טאָג זאָלסטו מאַכן אַ יוֹם טוֹב.**

---

דין שנסמך בארץ, הנה חשבוננו זה לא יועילנו אז כלום בשום פנים. לפי שאין לנו רשות שנחשב בחוץ לארץ ונעבר שנים ונקבע חדשים, אלא בתנאים הנזכרים כמו שבארנו, כי מציון תצא תורה וגו׳ (ישעי׳ ב, ג. עי׳ ברכות סג:). וכשיתבונן מי שיש לו שכל שלם לשונות התלמוד בכונה הזאת, יתבאר לו כל מה שאמרנוהו ביאור אין ספק בו.

[כג] ובביאור מצוה זו למנות ניסן ראש לחדשים, עיין בזה **ברמב"ן** כאן, ובמה שהאריך רבינו בזה **בשו"ת דברי יואל** (סימן טו).

[כד] **בגמרא ראש השנה** (ז.): תנו רבנן, **באחד בניסן ראש השנה לחדשים** [פירש"י: למנין חדשי השנה], **ולעיבורין** [קא סלקא דעתך לישב בית דין ולעיין אם השנה הבאה צריכה להתעבר], **ולתרומת שקלים** [להקריב ראשון קרבנות הלקוחים מתרומת קופות של שקלי שנה זו], **ויש אומרים אף לשכירות בתים** [המשכיר בית לחבירו ואמר לשנה זו, כלתה שנתו באחד בניסן, ואפילו לא דר בו אלא חודש אחד]. **לחדשים מנלן, דכתיב הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה,** דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר, בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה, [ומנלן דניסן, דכתיב] וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת [לפסח] וְהָיָה לָכֶם לְמִשְׁמֶרֶת עַד אַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְשָׁחֲטוּ אֹתוֹ וגו׳, וכתיב [קרא אחרינא שהפסח בחדש האביב] שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב, איזהו חדש שיש בו אביב [שהתבואה בכירה בו להיות מבושלת בגמר בישולה], הוי אומר זה ניסן, וקרי ליה רִאשׁוֹן וכו׳.

KolSatmar.com

[והנמשל הוא, כי] **דער טאָג וואָס דער בורא כל עולמים האָט געטון** **נִסִּים פאַר אידן** [יקבעו ליום טוב], **און דעם חוֹדֶשׁ** [זאל זיין ראש לחדשים (כסיום דלהלן באות סב)].

נח

[דהגם] **ס׳איז דאָך נישט דער טאָג,** [ס׳איז] **נישט אום רֹאשׁ חֹדֶשׁ,** [שהרי] **אַרויסגעגאַנגען זענען זיי דאָך הערשט בט״ו. נאָר ער מיינט דעם גאַנצן חֹדֶשׁ, ׳הַחֹדֶשׁ׳ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת, אַזוי ווי מ׳זאָגט אין פַּיְיט**[כו].

נט

– **דער אֱמֶת, איך האָב אַזוי מִתְבּוֹנֵן געווען היינט אין די פִּיּוּטִים וואָס מ׳זאָגט**[כז], **זעט אויס כְּסֵדֶר עפּעס אַזוי ווי דער רמב״ם** (לעיל בקושיא כד), **אַז ס׳איז געווען** [בְּמַרְאֵה] **נְבוּאָה, אַז די לְבָנָה איז געווען** [בְּמַרְאֵה] **נְבוּאָה.**

**אַזוי זעט אויס אין די לְשׁוֹנוֹת אין די פִּיּוּטִים וואָס מ׳זאָגט.** –

ס

**עַל כָּל פָּנִים זאָגט ער** [שהוא ׳הַחֹדֶשׁ׳ אֲשֶׁר] **יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת, ס׳רינגעלט אַרום, ״הַחֹדֶשׁ״, דער גאַנצער חוֹדֶשׁ איז עָלוּל אויף יְשׁוּעוֹת וואָס אידן ברויכן.**

סא

**דער ייטב פנים זאָגט**[כח] [דלשון יְשׁוּעוֹת בּוֹ ׳מַקִּיפוֹת׳ הוא מן] **לְשׁוֹן הַחֶנְוָנִי מַקִּיף**[כט], **אַז מ׳גיט אויף באָרג. אַז מ׳איז אויף זיך מְקַבֵּל אויף שפּעטער אַז מ׳וועט זיין אַ איד.**

**אַזוי ווי ס׳איז געווען דעמאָלטס** [בגאולת מצרים, אז] **ווייל מ׳וועט שפּעטער מְקַבֵּל זיין די תּוֹרָה, האָט מען זיי געגעבן שוין דעמאָלטס** [די ישועה].

**ס׳שטייט**[ל] **פון תורת חיים – פון רבי חַיִּים׳ל קאָסוב׳ער – אויכעט די זעלבע.**

סב

**על כל פנים זאָגט דער מדרש,** [אז] **דאָס איז דער חוֹדֶשׁ וואָס איך האָב ענק געטון נסים, איבערדעם איז דער חוֹדֶשׁ אַ רֹאשׁ לְכָל הֶחֳדָשִׁים.**

---

[כה] **בשמות רבה** (טו, ט): דבר אחר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, מָשָׁל למלך שנולד לו בן ועשה יום טוב, ונשבה אותו הבן ועשה שם זמן מרובה, אחר זמן נפדה אותו הבן, ועשה לו המלך יום גנוסיא. כך, עד שלא ירדו ישראל למצרים, היו מונין לשעבוד, משירדו ונשתעבדו שם, עשה להם הקב״ה נסים ונפדו, התחילו מונין לחדשים, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

[כו] **ביוצרות למוסף שבת החודש** (בברכת אתה גבור): לְצִיּוֹן דְּרוֹר חַשְׁתָּ בּוֹ קְפוֹת. דְּבַר אוֹר יְקָרוֹת לִקְפּוֹת. הַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת. הַחוֹסִים בּוֹ מַתְקִיפוֹת. וּמֶנּוּ מַתְחִילוֹת וְתוֹקְפוֹת. וְעַד רֹאשׁ לְאַרְבַּע תְּקוּפוֹת.

[כז] **ביוצרות לשבת החודש** (בשחרית, ד״ה אבי): **׳אֲבִי כָּל חוֹזֶה׳, חָל בּוֹ ׳בְּמַחֲזֶה׳** [פירוש: משה רבינו אדון כל הנביאים, נתחרד או שהתפלל ׳במראה הנבואה׳], כְּנֶאֱמַר לוֹ חֲזֵה, תַּבְנִית הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה.

[כח] **בייטב פנים לפרשת החודש** (אות ב): **או יאמר על פי דנודע כי אָז בצאת ישראל ממצרים לא היה בידינו זכות, זולת מה שאמר השי״ת למשה** (שמות ג, יב) **בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן וגו׳, על שם שעתידין לקבל התורה** (שמות רבה ג, ד) **וכו׳. וזה שאמר הפייט הַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ ׳מַקִּיפוֹת׳, לשון הקפה, שהקב״ה מקיף הישועות על שם העתיד, על כן הַחוֹסִים בּוֹ מַתְקִיפוֹת, להיות תקופים להגאל במהרה, אם כי אין לנו זכות על מה להשען, עם כל זה אנו בטוחים ותקופים בדעתינו כי לא יטוש ה׳ אותנו, בקרב יגאלנו על שם העתיד, כי בבוא משיח צדקינו תמלא הארץ דעה את ה׳, ואז נעבוד אותו באמת ובלב שלם. ○ שוב שמעתי זה על שם מחותני הרב הקדוש מהר״ח מקאסיב זצ״ל, ונהניתי.**

[כט] **במשנה אבות** (ג, טז): הַכֹּל נָתוּן בְּעֵרָבוֹן, וּמְצוּדָה פְרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים. הַחֲנוּת פְּתוּחָה [פירוש הברטנורא: ובני אדם נכנסים שם ולוקחים בהקפה], **וְהַחֶנְוָנִי מַקִּיף** [ומאמין לכל הבא ליטול. כך בני אדם חוטאים בכל יום, והקב״ה ממתין להם עד בא עִתָּם], וְהַפִּנְקָס פָּתוּחַ, וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת, וְכָל הָרוֹצֶה לִלְווֹת יָבוֹא וְיִלְוֶה, וְהַגַּבָּאִים מַחֲזִירִים תָּדִיר בְּכָל יוֹם, וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ, וְיֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶּׁיִּסְמוֹכוּ, וְהַדִּין דִּין אֱמֶת, וְהַכֹּל מְתֻקָּן לִסְעוּדָה.

[ל] בתורת חיים לא מצאנו כעת. וכנראה הכוונה על מה שבייטב פנים מביא כן בשמו.

סג

**סיום קושיא כז**

על כל פנים הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים', דאָס מוז אַרויפגיין נאָר אויף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, [שהרי] נישט אַלע חֳדָשִׁים זענען רָאשִׁים. [והרי] אַדְּרַבָּה, אַז נישט איז דאָך אויס [מיטן ענין פון 'ראש' חדשים, דאם כן] וואָס דען איז דער יִחוּס פון נִיסָן. איז דאָך נאָר נִיסָן [הוא שנכלל בזה, אַז] ס'איז דער אָנהייב [פון אַלע חדשים].

און [רישא דקרא, הַחֹדֶשׁ 'הַזֶּה'] כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ, דאָס גייט אַרויף אויף אַלע חֳדָשִׁים, אויף יעדן חֹדֶשׁ.

סד

[ונמצא] איז עפּעס אַ חִידוּשׁ דער גאַנצער פָּסוּק, איין וואָרט נאָכן אַנדערן, דעם וואָרט גייט אַרויף אויף 'דעם', [און] אין דעם זעלבן פָּסוּק שטייט [עפּעס אַנדערש], ס'איז נישט קיין חילוק [והפסק ביניהם].

אין דעם פסוק לכאורה שטייט דאָ צוויי זאַכן, דעם דין פון קְבִיעַת חֳדָשִׁים [שנוהג בכל חודש], און דעס אַז נִיסָן איז דער הויפּט [לכל החדשים, וגם מה שדרשו בו באגדה, כי אַז] אויף נִיסָן האָט מען צו דערוואַרטן, די גרעסטע יְשׁוּעוֹת, האָט מען צו דערוואַרטן אויפן חֹדֶשׁ נִיסָן.

סה

# ישוב הקושיות בפרשת החודש

**ישוב קושיא כז**

[נאָר] איך האָב געקלערט אפשר, אַז ס'איז הָא בְּהָא תַּלְיָא [מצות קידוש החודש, עם חשיבות חודש ניסן שהוא ראש לשאר חדשים].

סו

ענין מיעוט הירח הוא רק בזמן הזה כשעדיין לא נעשה עולם התיקון, אבל לעתיד לבא יִהְיֶה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה

[דהנה] לְעוֹלָם [דער] מִיעוּט הַיָּרֵחַ איז דאָך גיוועגדט [אין דעם], ווייל ס'איז נישט דער עוֹלָם הַתִּיקוּן, וועגן אידישע חֲטָאִים.

[אַזוי ווי] מ'איז דאָך מִתְפַּלֵּל[לא] וִיהִיֶה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְאוֹר שִׁבְעַת יְמֵי בְּרֵאשִׁית.

אַז דער בורא כל עולמים וועט העלפן [און] ס'וועט זיין די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה, וועט דאָך זיין אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה (ישעי' ל, כו). [און] אַז ס'וועט זיין אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וועט דאָך זיין 'אויס' חֳדָשִׁים, [שהרי] די לְבָנָה וועט אויך גיין אַ גאַנץ יאָר [להאיר תמיד כעין החמה, ולא יהיה היכר ריבוי ומיעוט באורה].

סז

ואם כן לעתיד לבא לא יהא שייך עוד כל ענין מולד הלבנה, כי לא יהיה שום מיעוט וריבוי באורה, ולא יהא שייך עוד ענין קידוש החודש בכל חודש. ואם כן כמו כן לא יהיה חילוק בין החדשים, רק כל השנה בשוה וכדוגמת שנת החמה, ואם כן לא יהא שייך עוד גם מה שניסן הוא ראש לשאר חדשים, כי יהיה כל השנה כניסן. ונמצא שב' מצות אלו מקושרים זה בזה, ולכך סמכן הכתוב בהמשך אחד

[וממילא לעתיד לבא] דעמאָלטס קאָן מען נישט זאָגן [כל ענין מולד הלבנה, שהריי] ס'איז

---

[לא] בנוסח התפלה לאחר קידוש לבנה (ד"ה תנא דבי ר' ישמעאל): וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ וכו' לְמַלֹּאת פְּגִימַת הַלְּבָנָה, וְלֹא יִהְיֶה בָּהּ שׁוּם מִעוּט. וִיהִי אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְאוֹר שִׁבְעַת יְמֵי בְרֵאשִׁית, כְּמוֹ שֶׁהָיְתָה קֹדֶם מִעוּטָהּ, שֶׁנֶּאֱמַר (בראשית א, טז) אֶת 'שְׁנֵי' הַמְּאֹרוֹת הַגְּדֹלִים.

נישט קיין חִילוּק פון איין חֹדֶשׁ [צום אַנדערן, ובין תחלת החודש לאמצעו]. ס׳איז נישטאָ קיין ׳רֹאשׁ׳ חוֹדֶשׁ, ס׳איז נישטאָ נאָך אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נאָכאַמאָל, ס׳איז נישטאָ מער.

[נאָר] אַזוי ווי מ׳שטעלט אָן [אוֹרָה אין] נִיסָן, אַזוי איז אַ גאַנץ יאָר. [פּונקט] אַזוי ווי די חַמָּה [שיש בה רק שנים ולא חדשים, כי אין מיעוט וריבוי וענין ׳התחדשות׳ באורה].

[אַז ס׳איז] **אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, איז דאָך ׳אויס׳ מיט דער גאַנצער זאַך, מיטן מולד הלבנה.**

סח

קומט אויס, מיט דעם קאָן זיין איז דאָס איינס [דער המשך הפסוק. ווייל ס׳איז] **הָא בְּהָא תַּלְיָא.** [כי] **איבערדעם** איז ׳דער׳ חודש [ניסן נאָך אַ] **רֹאשׁ חֳדָשִׁים, ווייל מ׳מוז נאָך מְקַדֵּשׁ הַחֹדֶשׁ** זיין [בכל חודש], **ווייל די לְבָנָה גייט נאָך** [בריבוי ומיעוט אור] **יעדן חוֹדֶשׁ,** [און] **ס׳איז ׳נאָכנישט׳ אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה,** [ווייל] **ס׳איז נאָכנישט דער עוֹלָם הַתִּקּוּן, און מ׳דאַרף נאָך יעדן חוֹדֶשׁ רעכענען ׳ווען׳ ס׳איז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, ס׳איז נאָך דאָ אַ פרישער מוֹלָד** [ביי] **די לְבָנָה. ס׳איז דאָ דער חִסָּרוֹן הַלְּבָנָה, און דער מִלּוּי הַלְּבָנָה, איז דאָ יעדן חודש,** [וממילא] **מוז מען רעכענען** [מתי הוא זמן מולד הלבנה וקביעות ר״ח].

סט

**אָבער לעתיד** [אַז] **ס׳וועט זיין דער עוֹלָם הַתִּקּוּן, קען איך שוין נישט זאָגן אַז ׳דעס׳ איז רֹאשׁ חֳדָשִׁים, וואָרן ס׳איז דאָך ׳כְּסֵדֶר׳ אַזוי** [באופן השוה, ולא ניכר שום חילוק בין החדשים, רק בין השנים. וממילא] **אַזוי ווי ס׳הייבט זיך אָן נִיסָן, אַזוי איז דאָך כְּסֵדֶר דאָס גאַנצע יאָר אַזוי, דאָס גאַנצע יאָר איז איינס,** [וכאילו הכל] **איין חוֹדֶשׁ,** – [און טאַקע] **אַלעס וועט זיין מָלֵא יְשׁוּעוֹת,** – **ס׳איז גאָרנישטאָ דעס גאַנצע** [ענין פון] **׳חֳדָשִׁים׳.**

**איבערדעם קאָן זיין איז דאָס אינאיינעם** [בלשון הפסוק, ב׳ ענינים אלו].

(המשך וסיום ישוב קושיא כז, באות עד)

ע

**ישוב קושיא כו**

ובזה יבואר ענין מה שנתקשה משה במולד הלבנה, דהכוונה כי הרע לו הדבר,
כי מזה הבין שעדיין לא הגיע עולם התיקון, והוא השתוקק שכבר יהיה עולם התיקון בימיו

**איבערדעם איז געווען נִתְקַשֶּׁה מֹשֶׁה** [במולד הלבנה. ווייל פאַר] **משה׳ן איז זייער שווער ׳געפאָלן׳,** [כשראה שתמשיך הלבנה להתחדש בכל חודש]. [שהרי] **ער האָט** [דאָך] **אַרויסגעקוקט ס׳זאָל זיין** [שוין] **דער עוֹלָם הַתִּקּוּן.**

**ער האָט דאָך געוואָלט גיין פאַרדעם קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווייל ער האָט געקלערט ס׳וועט שוין זיין דער עוֹלָם הַתִּקּוּן**[לב]. [וממילא] **ס׳איז אים זייער שווער אָנגעקומען** [ענין מולד הלבנה], **וואָס איז** [דאָס אַז] **מ׳וועט נאָך דאַרפן מְחַדֵּשׁ זיין די לְבָנָה.**

**ער קאָן זיך גאָר נישט גלייבן** [אַז] **ס׳וועט נאָך אַלץ זיין אַזאַ קליינע לְבָנָה, פאַרוואָס זאָל נישט זיין ׳שוין׳ אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה.**

**איז עס אים זייער שווער געפאָלן**[לג].

---

[לב] ויוכל משה לבנות המקדש, כי לא יהיה עוד חורבן. כמבואר בכמה ספרים, עיין **בפרשת דרכים** (דרוש ח) **ובמגלה עמוקות** (ואתחנן אופן כ), **ובאור החיים הק׳** (דברים א, לז).

[לג] ועיין בחינה זו בדרשת תקיעת שופר **ראש השנה תרצ״ז** (נדפס בדברי יואל לר״ה בהשמטות, עמוד תמה).

KolSatmar.com

עא

עד שהראה לו הקב"ה באצבע מולד הלבנה. והיינו שלא רצה הקב"ה להשיב לו על זה בדיבור מפורש, יען שהוא דבר התלוי בבחירה, אם כבר יזכו ישראל במעשיהם לעולם התיקון. רק השיב לו בחזיון ובמראה, שהראה לו בחינת אור הלבנה, ואת מצב הדור, שעדיין אינו ראוי להיות אור הלבנה כאור החמה, וכידוע שבחינת ידיעה וחזיון אינו מכחיש הבחירה, רק בחינת הדיבור

[און אַז] דער בורא כל עולמים זאָל אים דאָס מַסְבִּיר זיין [בדיבור, לא היה באפשר, שהרי] ס'איז דאָך תָּלוּי אין די בְּחִירָה [אם יזכו ישראל להגאולה בזכיותיהם].

[און דאָס] האָב איך שוין כמה פעמים געזאָגט, [דעס וואָס] ס'שטייט דאָך איבעראָל[לד] [דדבר התלוי בבחירה אי אפשר לגלות בדיבור].

ס'איז פאַרהאַנדן אַ חִזָּיוֹן[לה], און ס'איז פאַרהאַנדן אַ **נְבוּאָה, בְּדִבּוּר**.

[און] דעס וואָס ס'איז תָּלוּי אין די בְּחִירָה, קען מען נישט זאָגן **בְּדִבּוּר**, וואָרן דער דִבּוּר [של הקב"ה] איז דאָך מַכְרִיחַ [הבחירה, דאָס] נעמט צי די בְּחִירָה.

נאָר ווייזן קען מען דאָס אויך, וואָרן די יְדִיעָה איז נישט מַכְחִישׁ די בְּחִירָה.

עב

איבערדעם [ווען] ער איז נִתְקַשֶּׁה געוועזן אין מוֹלַד הַלְּבָנָה, ער איז נִתְקַשֶּׁה געוועזן 'וואָס איז דאָס עפּעס', 'פאַרוואָס' וועט דאָס נאָך אַזוי זיין, האָט מען דאָס נישט געקאָנט מַסְבִּיר זיין **בְּדִיבּוּר**.

נאָר דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט כָּזֶה 'רְאֵה' וְקַדֵּשׁ, אַז דו וועסט קוקן וועסטו זען אַז ס'איז אַזוי, אַז ס'מוז נאָך אַזוי זיין, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ מוֹלַד הַלְּבָנָה.

אָבער נישט **בְּדִיבּוּר**.

עג

איבערדעם האָט ער אים געזאָגט 'כָּזֶה', האָט מען אים געמוזט ווייזן בפועל ממש, כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ[לו]. [כי לא רצה לומר לו בדיבור, דשמא יזכו על ידי טוב בחירתם תיכף להגאולה].

---

[לד] עיין בזה **בנזר הקודש** (ב"ר מד, כא כז), וכן מצוי זה **בספרי האלשיך הק'**, **וישמח משה**, ועוד. [ועיין בבני יששכר דלהלן].

[לה] כמבואר חילוק זה **בבני יששכר** (שבתות ו, ח) וז"ל: ידוע הוא מענין חקירת ידיעה ובחירה, אשר שניהם אמתיים נתאמתו לנו על פי התורה, הגם שאתו ית"ש המדע, והוא יודע מחשבות אדם, לפניו נגלו כל תעלומות והמון נסתרות מבראשית, מחשבות אדם ותחבולותיו ויצרי מעללי איש, עכ"ז הבחירה חפשיית, ויוכל אדם לעשות לטוב ולמוטב כרצונו, ידיעתו ית"ש אינה מכרחת, משא"כ דיבורו ית"ש, היינו שכבר בא הענין אל בחינת הדיבור, הדבור הוא מכריח ובהכרח שיתקיים. עיין בדברי הרב הקדוש מהר"מ אלשיך (ישעי' נה, יא) בפסוק כֵּן יִהְיֶה דְבָרִי אֲשֶׁר יֵצֵא מִפִּי לֹא יָשׁוּב וגו' כִּי אִם עָשָׂה אֶת אֲשֶׁר חָפַצְתִּי וְהִצְלִיחַ וגו'. ○ ועפ"ז פירשתי הפסוק (ישעי' א, א) חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶן אָמוֹץ אֲשֶׁר חָזָה עַל יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם, דהנה תיבות 'אֲשֶׁר חָזָה' מיותרין. אבל החילוק הוא בין דרגא דחזיון לדרגא דנבואה, דהנה חזיון היא לשון ראיה, שהנביא ראה מתראים אליו מן השמים בצירופים הללו אשר אמר לישראל, שֶׂגְּבָה מזה מעלת הנבואה שהיא לשון נִיב שְׂפָתָיִם [שם נז, יט), שהנביא שמע בדיבור את הדברים הנאמרים אליו, והוא מעלה יותר גדולה מחזיון. והנה ישעיה הנביא שֶׂגְּבָה מעלתו מאד במעלת הנבואה כידוע, והיה מזרע המלוכה, ואמר הכתוב כאן, חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ, שראה הנבואה הזאת רק 'בחזיון', ולא בדרגא דנבואה, וזהו שאמר הכתוב כמקשה ומתרץ, אֲשֶׁר חָזָה, רצ"ל מה שיקשה לך למה נאמר הדבר הזה לו בחזיון, לא בדבור הנבואיי, הוא להיות החזיון הזה על יהודה וירושלים, ולא רצה השי"ת לומר **בדיבור** כביכול, דאז יהיה בהכרח שיתקיים, והשי"ת רצה שישובו ולא יתקיים החזיון, כיון שלא יצא עדיין הדבר מפיו יתברך כביכול, והדברים ארוכים. [ועיין בזה עוד **בבני יששכר** (תמוז אב ב, טז. ואדר י, א)].

[לו] ועיין בזה גם **בדברי יואל** תרומה (עמוד רנב).

KolSatmar.com

עד

**המשך וסיום ישוב קושיא כז**

און מֵהַאי טַעֲמָא, אַז ס'איז נאָך אַלץ אַזוי [לכן הסמיכן הכתוב, וכדלהלן].

– [נאָר אַזויפיל] איז נאָך געבליבן, על כל פנים דאָס איז געבליבן, דער כֹּחַ, אַז דער **חוֹדֶשׁ** איז אַ **רֹאשׁ לְכָל הַחֳדָשִׁים**, ס'איז אַ **חוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת**, [ווען] מ'וואַרט די גרויסע יְשׁוּעוֹת, אַלע יְשׁוּעוֹת וואַרט מען אין דעם **חוֹדֶשׁ נִיסָן**. –

איבערדעם איז דאָס הָא בְּהָא תַּלְיָא, דעס וואָס ס'ברויך צו זיין **קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ** [בכל חודש], מיט דעם וואָס דער **חוֹדֶשׁ** [ניסן] איז אַ **רֹאשׁ לְכָל הַחֳדָשִׁים**.

דאָס איז איין זאַך, הָא בְּהָא תַּלְיָא. איבערדעם קאָן דאָס שטיין אין איין פָּסוּק די ביידע, וואָרן ס'איז דאָך מַמָּשׁ איין זאַך.

פר

**ישוב קושיא כד (באופן ראשון)**

יאָ, איך וועל צוריקגיין [צו] פריער, [להשלים] דעס וואָס כ'האָב געזאָגט פריער [בקושיא כד] [דבמכילתא איתא] אַז מ'האָט געוויזן די **לְבָנָה** [בפועל], און דער רמב"ם זאָגט **בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה**, אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט.

פה

ולפי האמור דהיה צריך להראות לו באופן של חזיון, ולא בדיבור. בזה שפיר מובן דברי הרמב"ם שכתב דהראה לו במראה הנבואה, לפי שהיה תלוי בזה הוראת העתידות, אבל היה 'במראה' הנבואה, ובלא בדיבור של נבואה, שלא להכריח הבחירה

[דהנה לדרכינו יבואר היטב, שהרי] ער איז דאָך נִתְקַשֶּׁה געווען 'פאַרוואָס' דאָס איז אַזוי, ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַסן [דערויף], ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין [למה עדיין נצרכין לקידוש החודש, והלא ראוי שכבר יהיה עולם התיקון ולא יהיה עוד מולד ללבנה].

[ולכן] האָט מען אים געמוזט ווייזן **שׁוֹרְשָׁן שֶׁל דְּבָרִים**, אַז 'לְעֵת עַתָּה' מוז נאָך זיין די **לְבָנָה** אַזוי קליין, [און] ס'איז נאָך דאָ אַ **מוֹלָד**.

און מ'האָט אים דאָס נישט געקענט אַרויסזאָגן, נאָר ווייזן. [וממילא] דאָס אַליין איז דאָך אַ **נְבוּאָה** [אף כשהוא רק] מיט אַ **חִזָּיוֹן** [ולא בדיבור].

פו

איבערדעם איז רעכט וואָס דער רמב"ם זאָגט '**בְּמַרְאֵה**' **הַנְּבוּאָה**, דאָס האָט מען אים געמוזט 'ווייזן' **בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה**[לז] [מלבד ראיית הלבנה ממש, כדי] ער זאָל עס פאַרשטיין אַז דאָס וועט 'אַזוי' זיין, אַז דער **מַצָּב הַדּוֹר** איז אַזוי, און ס'מוז אַזוי זיין, דאָס האָט מען אים אַלעס געוויזן **בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה**.

פז

– שפעטער (באות רמג) וועל איך זאָגן נאָך אויף אַנדערע אוֹפַנִּים וואָס מ'קען נאָך זאָגן אין דעם, פאַרוואָס די **לְבָנָה** האָט מען געמוזט ווייזן **בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה**. –

---

[לז] שהרי הראה לו גם את כל העתידות בזה.

רכג

# המשך ישוב הקושיות בפרשת החודש

### הקדמה לישוב קושיא כד (באופן שני), ולישוב קושיא כג

## בביאור הגמרא תענית, בעובדא דנקדימון בן גוריון

(עד אחר אות רמ)

בגמרא מובא עובדא דנקדימון בן גריון שלווה י״ב עינות מים מן שר אחד נכרי, על חשבון שיתמלאו המעיינות על ידי שמים עד זמן פלוני, ובאם לאו ישלם לו. וכשהגיע יום הזמן עדיין לא ירדו גשמים עד ששקעה חמה, ונכנס נקדימון למקדש והתפלל, ונעשה נס וזרחה החמה וירד גשם רב עד שנתמלאו המיינות, ובזה נפטר מלשלם להגוי

דעס ענין נאָך פון דעם **מַרְאֵה הַנְּבוּאָה** [המבואר ברמב״ם, יש לומר עוד בהקדם וואָס] איך האָב שוין געזאָגט אַסאַך מאָל[לח] [לבאר] די **גמרא**, וואָס די גמרא זאָגט אין **תענית**[לט] ביי די מעשה פון **נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן**, ער האָט גענומען וואַסער פאַר די **עוֹלֵי רְגָלִים**, [און] ער האָט צוגעזאָגט דאָרט [לשר נכרי, אַז] **ביז דעמאָלטס** [אם לא יתמלאו המעיינות] **האָט ער צוגעזאָגט אַ גרויסן סְכוּם**, און ס׳איז געקומען שוין דער לעצטער טאָג און ס׳איז נישט געגאַנגען קיין רעגן, האָט ער [הגוי] געבעטן דאָס געלט, [ואמר לו נקדימון] ער זאָל נאָך וואַרטן.

[נו] **הכלל, ס׳איז שוין געוואָרן נאַכט, איז אַראָפּגעגאַנגען אַ רעגן**. און ער [נקדימון] האָט אים נישט געגעבן דאָס געלט. האָט ער [הגוי] געהאַט **טַעֲנוֹת**, [שהרי] ס׳איז דאָך נישט געווען אין דעם טאָג.

**איז אים געשען אַ נֵס, ס׳האָט אויפגעשיינט די זון ס׳זאָל ווערן טאָג.**

**זאָגט די גמרא, ער** [הגוֹי] **האָט געזאָגט דאָרטן**, [באמת] **איך האָב אַ טַעֲנָה** [לתבוע הממון], **ווייל ס׳איז דאָך נישט געווען אין דעם טאָג. נאָר איך זעה דאָך** [אַז] **מ׳טוט ענק נִסִּים, דער בורא כל עולמים האָט ענק ליב**[מ], **ממילא שווייג איך.**

---

[לח] **בשעת קידוש החמה בשנת תשי״ג** (נדפס בטיב לבב לפסח), **ובליל שב״ק חוה״מ פסח תש״כ** (נדפס בחידושי תורה לפסח עמוד לט, ובדברי יואל לפסח אות סה), **ובס״ג החודש תשכ״ב** [עיין שם כל ענין דהכא באורך, וביתר ביאור], **וס״ג שבת הגדול תשכ״ב ותשכ״ג, ובקצרה הוא גם בס״ג שבת הגדול תשי״ח** (לשון קדשו קפו, אות נא-נב). **ועיין זה גם בדברי יואל תולדות** (עמוד תקסט) **ודברים** (תניינא, עמוד עא-עג), **ובהגדת מהר״י ט״ב** (אות ה).

[לט] **בגמרא תענית** (יט:-כ.): **תנו רבנן, פעם אחת עלו כל ישראל לרגל לירושלים, ולא היה להם מים לשתות. הלך נקדימון בן גוריון** [פירש״י: עשיר גדול היה] **אצל אדון אחד, אמר לו הלויני שתים עשרה מעיינות מים לעולי רגלים, ואני אתן לך שתים עשרה עינות מים** [כלומר שירדו גשמים, ויתמלאו כל המעיינות מים. אותן מעיינות לא היו נובעים מים כל כך, ואינן מתמלאין מאיליהן כשאר מעיינות], **ואם איני נותן לך הריני נותן לך שתים עשרה ככר כסף. וקבע לו זמן. כיון שהגיע הזמן ולא ירדו גשמים בשחרית, שלח לו שגר לי או מים או מעות שיש לי בידך, שלח לו עדיין יש לי זמן, כל היום כולו שלי הוא. בצהרים שלח לו שגר לי או מים או מעות שיש לי בידך, שלח לו עדיין יש לי שהות ביום. במנחה שלח לו שגר לי או מים או מעות שיש לי בידך, שלח לו עדיין יש לי שהות ביום. לגלג עליו אותו אדון, אמר כל השנה כולה לא ירדו גשמים ועכשיו ירדו גשמים, נכנס לבית המרחץ בשמחה. עד שהאדון נכנס בשמחתו לבית המרחץ, נקדימון נכנס לבית המקדש כשהוא עצב, נתעטף ועמד בתפלה, אמר לפניו, רבונו של עולם גלוי וידוע לפניך שלא לכבודי עשיתי ולא לכבוד בית אבא עשיתי, אלא לכבודך עשיתי, שיהו מים מצויין לעולי רגלים. מיד נתקשרו שמים בעבים וירדו גשמים עד שנתמלאו שתים עשרה מעינות מים והותירו. עד שיצא אדון מבית המרחץ, נקדימון בן גוריון יצא מבית המקדש, כשפגעו זה בזה אמר לו** [נקדימון] **תן לי דמי מים יותר שיש לי בידך. אמר לו יודע אני שלא הרעיש הקב״ה את עולמו אלא בשבילך, אלא עדיין יש לי פתחון פה עליך שאוציא ממך את מעותיי, שכבר שקעה חמה, וגשמים ברשותי ירדו. חזר ונכנס לבית המקדש, נתעטף ועמד בתפלה ואמר לפניו, רבונו של עולם הוֹדַע שיש לך אֲהוּבִים בעולמך, מיד נתפזרו העבים וזרחה החמה. באותה שעה אמר לו האדון אילו לא נקדרה החמה היה לי פתחון פה עליך שאוציא ממך מעותיי.**

[מ] וכלשון הגמרא שאמר נקדימון הוֹדַע שיש לך אֲהוּבִים בעולמך.

KolSatmar.com

רכד

**קושיא בגמרא תענית**

ולכאורה קשה, דאם באמת כבר היה בלילה, וכבר הגיע הממון להגוי, אם כן האיך אפשר שייעשה נס מן השמים לצורך נקדימון, באם היה זה ׳שלא כדין׳

**הָאָב איך אַלץ געזאָגט, [בהקדם וואָס] אייביג פלעג איך צו פרעגן, האָב איך געפרעגט די קַשְׁיָא ממה נפשך. איז געוועזן טאָג? האָט מען נישט געדאַרפט טון קיין נֵס, זאָל ער גיין מיט אים לְדִין און איבערוויזן, וואָס הייסט עפּעס, ס׳איז טאָג.**

**איז טאַקע געוועזן נאַכט? נו איז דאָך אים עַל פִּי הֲלָכָה געקומען דאָס געלט, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה. [שהרי] ער האָט זיך דאָך מְחַיֵּיב געוועזן, נו האָט מען דען געטון אַ נֵס כדי מ׳זאָל נעמען געלט ׳שֶׁלֹּא כְּדִין׳? [דלכאורה] ס׳איז דאָך געוועזן שֶׁלֹּא כְּדִין, האָט מען אים געטון עפּעס אַ נֵס וועגן דעם? ס׳איז דאָך עפּעס אַ פֶּלֶא.**

רכה

**הקדמה לישוב הקושיא בגמרא תענית**

## בביאור שיטת רבינו תם בענין זמן צאת הכוכבים

(עד אחר אות רלח)

**הָאָב איך שוין אַסאַך מאָל געזאָגט דאָס, פלעג איך צו טייטשן [וואָס עס] דאַכט זיך מיר אַ דָּבָר בָּרוּר [דער] פְּשַׁט אין די גמרא.**

רכו

**שיטת רבינו תם**

וביארתי בזה, על פי הידוע שיטת רבינו תם בענין זמן צאת הכוכבים, שסובר דתרי שקיעות החמה יש בלשונות הגמרא, ובשקיעה ראשונה כשמתחלת החמה ליכנס בעובי הרקיע עדיין יום גמור הוא, ובשקיעה שניה היינו סוף השקיעה דהוא לאחר מהלך ג׳ מילין ורביע, נעשה בין השמשות במשך ג׳ רבעי מיל, ואחר כך הוא זמן צאת הכוכבים שהוא ודאי לילה

**וואָרן דאָ איז דאָך אַזוי, אין די פּוֹסְקִים. די שִׁיטַת רַבֵּינוּ תַּם[מא] איז דאָך, אַז ס׳איז דאָ צוויי שְׁקִיעוֹת. איבערדעם דויערט צוויי און זיבעציג מינוט [לאחר השקיעה עד שנעשה לילה], ווייל ס׳איז דאָ נאָך אַ צווייטע שְׁקִיעָה.**

---

[מא] **בתוספות שבת** (לה. ד״ה תרי)**: קשה, דהכא משמע דמשקיעת החמה עד הלילה ליכא אלא תלתא ריבעי מיל, ור׳ יהודה גופיה בפסחים** (צד.) **סבר דמשקיעת החמה עד צאת הכוכבים ארבע מילין, וצאת הכוכבים לילה הוא כדאמרינן בריש פרק קמא דפסחים** (ב.)**, וכדמוכח קרא** (נחמיה ד, טו) **וַאֲנַחְנוּ עֹשִׂים בַּמְּלָאכָה וגו׳, דמיניה מפיק בפרק ב׳ דמגילה** (כ:) **דמעלות השחר יממא הוא. ואומר רבינו תם, דהתם מיירי בתחילת שקיעה והכא ׳משתשקע׳ מסוף שקיעה, אחר שנכנסה חמה בעובי הרקיע.**

**ובתוספות פסחים** (צד.)**: רבי יהודה אומר משקיעת החמה עד צאת הכוכבים ארבע מילין - קשה לרבינו תם, דבסוף במה מדליקין** (שבת שם) **אמר איזהו בין השמשות, משתשקע החמה כל זמן שפני מזרח מאדימין דברי רבי יהודה, ומסקינן התם דבין השמשות דרבי יהודה תלתא ריבעי מיל, והכא קאמר רבי יהודה גופיה ארבעה מילין. ויש לומר דהכא קאמר מתחלת שקיעה, דהיינו משעה שמתחלת החמה ליכנס בעובי הרקיע עד הלילה, הוי ד׳ מילין, והתם קאמר מסוף שקיעה.**

**ובתוספות זבחים** (נו.)**: מנין לדם שנפסל בשקיעת החמה וכו׳. ויש לפרש שקיעת החמה היינו תחילת שקיעה, קודם צאת הכוכבים, כדאמר** (פסחים שם) **דמשקיעת החמה ועד צאת הכוכבים ד׳ מילין, וחשוב יום לענין שמצותן ביום, ומפסוק מיותר ממעט ליה הכא מביום הקריבו. ובכל דוכתא חשוב יום עד צאת הכוכבים כדאמר** (מגילה שם, וברכות ב:) **אף על פי שאין ראיה לדבר זכר לדבר, וַאֲנַחְנוּ עֹשִׂים בַּמְּלָאכָה וְחֶצְיָם מַחֲזִיקִים בָּרְמָחִים מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים, ואומר וְהָיוּ לָנוּ הַלַּיְלָה מִשְׁמָר וְהַיּוֹם מְלָאכָה. והשתא לא הוי כמו ׳שקיעת החמה׳ דמסכת תענית** (יב.) **כל תענית שלא ׳שקעה עליו חמה׳ אינו תענית, וקבלה בידינו בצאת הכוכבים. ובמי שהיה טמא** (פסחים צג:) **נמי הכי משמע דנפסל הדם בשקיעת החמה שקודם צאת הכוכבים ארבע מילין וכו׳. והא דאמר בשמעתא דנאכלין ליום אחד מחשבים בדמו משתשקע החמה, היינו תחילת שקיעה ומדאורייתא, ולא צאת הכוכבים, דומיא דאימורין ובשר דחשיב לקמן בהדי דם. ומשתשקע החמה דלקמן לא**

KolSatmar.com

רכז

## קושיית מהר"ם אלשקר

והקשה על זה בשו"ת מהר"ם אלשקר, דהרי מבואר בגמרא פסחים דחכמי ישראל נחלקו בענין זה עם חכמי האומות, ושוב הודו להם דבלילה החמה מהלכת מסביב לכדור הארץ, ולא למעלה מן הרקיע, ואם כן מה זה שכתב ר"ת דנכנס החמה בחלונה בעובי הרקיע. ומהאי טעמא פוסק שם כדעת הגאונים דביהש"מ מתחיל בתחילת השקיעה, ואחריו הוא צאה"כ

**פרעגט דאָך דער מהר"ם אלשקר**[מב] [אויף] **אים זייער האַרב,** [שהרי] **די גמרא זאָגט דאָך**[מג] **אַז די חַכְמֵי הָאוּמוֹת האָבן דאָך אויפגעוויזן, מ'האָט דאָך איבערגעוויזן אַז די זון גייט נישט אַריין אין אוֹפֶק** [הרקיע, רק מסביב לכדור הארץ]**.**

---

**הוי כמו משתשקע החמה בעלמא. דרגיל רבינו תם לפרש, דשקיעה דווקא, משמע תחילת שקיעה, אבל 'משתשקע' משמע סוף שקיעה,** משום דקשה ליה דבסוף פרק במה מדליקין (שבת שם) **משמע משקיעת חמה עד לילה תלתא ריבעי מיל,** ובפרק מי שהיה טמא (פסחים צד.) **משמע דמשתשקע החמה עד צאת הכוכיבם ארבע מילין, וחשיב ליה במדידת היום. ומפרש רבינו תם דמשקיעה משמע תחילת שקיעה, שהחמה מתחלת ליכנס בעובי הרקיע וכו'.** [ועיין עוד באורך בתוספות מנחות (כ: ד"ה נפסל)].

**ובספר הישר לרבינו תם** (סימן רכא)**: במה מדליקין** (שבת לד:) **וכו', איזהו בין השמשות, משתשקע החמה כל זמן שפני מזרח מאדימין, הכסיף התחתון ולא הכסיף העליון בין השמשות, והכסיף העליון והשוה לתחתון לילה. והכי פירושא, אי זהו בין השמשות דמספקא לן אם חציו מן היום או מן חציו מן הלילה או כולו יום כו', משתשקע החמה כל זמן שפני מזרח מאדימין, האי פני מזרח מערב הוא, שנקרא פני מזרח לעת ערב, כל זמן שהוא מאדים עד שהשחיר התחתון ולא העליון, בין השמשות. ולא תימא משעה שרוצה החמה ליכנס ברקיע דמאז הוא מתחיל ליאדם, אלא משתשקע החמה, שכבר נכנסה ברקיע ועברה בעוביו של רקיע, והוא עדיין כנגד החלון, ומשום שעדיין לא עבר את חלונו ולא פסק חלונו ללכת אחרי הכיפה, הוא מטיל זהורורין ומאדים מושבו. ועל כרחך אני צריך לפרש 'משתשקע החמה' כמו שפירשתי, שכבר נכנסה ברקיע, דאי תימא משעה שמתחיל ליכנס, זה אינו יכול להיות, דהא אמרינן בפסחים** (צד.) **דעוביו של רקיע אחד משׁשה של יום ומשעת שקיעת החמה ועד צאת הכוכבים חמשת מילין ואחר בין השמשות צאת הכוכבים הוא לילה כדאמרינן** (שבת לה:) **שנים בין השמשות שלשה לילה. ועוד אמרינן לקמן** (שם) **דלא אכלי כהנים תרומה עד שישלים בין השמשות דר' יוסי, ומשישלים בין השמשות יאכלו הכהנים תרומה. וזמן אכילת כהנים מצאת הכוכבים ואילך** (ברכות דף ב)**, ואם אתה מפרש 'משתשקע החמה' כמו 'שקיעת החמה', ואם כן הוי 'בין השמשות' חמשת מילין, ואם כן קשיא דרבה אדרבה, דרבה אמר לקמן דלא הוי בין השמשות אלא תילתא ריבעי מיל. אלא על כרחיך משקיעת החמה יום גמור הוא, ומשום הכי גרסינן ביה 'משקיעת החמה', משעה שיתחיל ליכנס ברקיע לשקוע, ו'משתשקע' משמע שנכנס כבר ועדיין לא הגיע לאחורי כיפה מכל וכל. ○ וראיה לדבר נר חנוכה, דאמרי'** (שבת כא:) **מצותה 'משתשקע החמה' עד שתכלה רגל מן השוק ריגלא דתרמודאי, דההוא לילה הוה וכו'** [ועיי"ש עוד ראיות מהגמרא]**, וכן כל מקום שתמצא 'משתשקע' פירושו מכוון כמו שפירשתי.**

[מב] **בשו"ת מהר"ם אלשקר** (סימן צו) **הארי בענין שיטת רבינו תם, ושיטת הגאונים** (רב שרירא גאון, ורבינו האי גאון, ורב נסים גאון) **שסוברים דביהש"מ מתחיל מיד בשקיעת החמה, ובתוך הדברים כתב להקשות על שיטת ר"ת וז"ל: וידוע הוא ומושכל ראשון, דדברים אלו אין להם שום מציאות כי אם לדעת חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל שסוברים גלגל קבוע ומזלות חוזרין, ושהשמש מהלכת בלילה אחרי הכפה, דעל כן צריכה ללכת כל עובי הרקיע נוכח חלונה, כדי לעלות למעלה על גבי הכפה כדאמרן וכו'.** [ושוב האריך להביא לשון הגאונים שכתבו וז"ל] **ואף רבותינו כשאמרו** [כי] **חכמי ישראל אומרים ביום חמה מהלכת למטה מן הרקיע, ובלילה מהלכת למעלה מן הרקיע כדרך שפירשנו למעלה טעמו של ר' יהודה רבה, וחכמי אומות אומרים ביום מהלכת למעלה מן הארץ ובלילה למטה מן הארץ כדרך שפירשנו אנו, הא אמרו רבותינו ונראין דבריהם מדברינו, ללמדך שעל מה שפירשנו סמכו חכמים ז"ל, עד כאן מדבריהם** [של הגאונים]**, והם האריכו ואני קצרתי. וכל זה קשיא לרבינו תם ז"ל דאית ליה טעמו של ר' יהודה וכתב אותו להלכה, והנה שכח כי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל הודו בזה לחכמי אומות העולם, ובטלו דעתם מפני דעתם.** [ועיי"ש עוד באורך].

[מג] **בגמרא פסחים** (צד:)**: תנו רבנן, חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אומרים גלגל קבוע ומזלות חוזרין** [פירש"י: גלגל, כמין אופן ברקיע שהמזלות נתונים בו, גלגל קבוע ואינו מגלגל, אלא כעין אופן עגלה המונח בקרקע, אבל המזלות מהלכים סביב הילוך מועט, ואין מקיפין את הגלגל, אלא כל מזל משמש את החמה נד ממקומו ומוליכו עד חבירו, וחוזר למקומו, לפיכך אין עגלה נראית בדרום ולא עקרב בצפון, שהרי אין מקיפין אלא מהלכין הילוך מועט וחוזרין]. **וחכמי אומות העולם אומרים גלגל חוזר ומזלות קבועין. אמר רבי, תשובה לדבריהם, מעולם לא מצינו עגלה בדרום ועקרב בצפון** [ואי סלקא דעתך גלגל חוזר ומזלות קבועין, נמצא גלגל מוליך ומגלגל המזלות לכל ארבע הרוחות כשם שהוא מגלגל, והיינו כמין אופן ונתון ברקיע חציו למטה מן הקרקע וחציו למעלה מן הקרקע, וכשעולה צדו זה שוקע צדו אחר, לפי דברי חכמי אומות העולם שאומרים גלגל חוזר. ולפי דברי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל שאומרים גלגל קבוע אין לפרש שוקע ועולה אלא במזלות]. **מתקיף לה רב אחא בר יעקב, ודילמא כבוצינא דריחיא** [כברזל התחוב בנקב רחב שברחים, שהשוכב עומד במקומו והברזל חוזר, ואם באת לגלגל

KolSatmar.com

**זיי האָבן מְחוּלָק געווען די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל מיט די חַכְמֵי הָאוּמוֹת, און דאָ האָבן מְנַצֵּחַ געווען די חַכְמֵי הָאוּמוֹת, האָבן זיי מְנַצֵּחַ געווען אידן. זעה איך דאָך אַז ביי די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל איז נִתְבָּרֵר געוואָרן אַז ס׳איז נישטאָ קיין צוויי שְׁקִיעוֹת** [ואין שם כניסה בעובי הרקיע].

**און מ׳זעט דאָך** [דהחוש מעיד] **אַז ס׳איז דאָ** [פלעצער, בקוטב הצפון והדרום שבעולם] **וואו ס׳איז זעקס חֳדָשִׁים טאָג, און זעקס חֳדָשִׁים נאַכט**[מד]. **ס׳איז דאָך דאָ די זְמַנִּים** [המשתנים בכל מקום לפי האופק, והכל מחמת הילוך החמה מסביב לכדור הארץ].

**דאָס זעט מען דאָך אַ בירור גמור אַז ס׳איז נישט אַזוי** [שאין נכנס בעובי הרקיע. ואם כן] **ווי קען מען זאָגן** [אַז] **ס׳איז דאָ צוויי שְׁקִיעוֹת.**

[און] **מֵהַאי טַעֲמָא קריגט דער מהר״ם אלשקר אויפן רבינו תם** [ופוסק כשיטת הגאונים, דמיד בעת שקיעת החמה כבר מתחיל בין השמשות, ואינו יום גמור].

רכח

**תירוץ המנחת כהן**

ובמנחת כהן האריך להוכיח כשיטת ר״ת להלכה, ולבאר דבריו, אבל אכתי צריך טעם, דהלא שיטת ר״ת בנוי על דברי התנא רבי יהודה בגמרא שכתב ג״כ הלשון של "עובי הרקיע", והוא כסברת חכמי ישראל בפסחים, ולכאורה הלא במסקנא בגמרא פסחים שהודו בזה לחכמי האומות

**נאָר לעולם, ער דער מנחת כהן פירט אויס**[מה]**, אף על פי כן** [ההלכה כרבינו תם, ומה שהקשה מהר״ם אלשקר מן המציאות בענין כניסה בעובי רקיע, על זה כתב] **נו מיינט מען, איז עס**

---

השוכב מתגלגל סביב הברזל והברזל עומד במקומו], **אי נמי כצינורא דדשא** [שהדלת סובבת בחור המפתן העליון והמפתן במקומו עומד, ואם באת לגלגל המשקוף הוא מתגלגל סביב הציר והדלת עומד במקומו, וכך הגלגל מתגלגל בפני עצמו ומוליך החמה והמזלות קבועים בגלגל אחר בתוכו, ואותו הגלגל אינו זז ממקומו, אלא גלגל חיצון מוליך חמה על פני כל המזלות, אי נמי גלגל חמה מבפנים וגלגל המזלות מבחוץ]. ○ **חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אומרים, ביום חמה מהלכת למטה מן הרקיע** [זורחת על הארץ כאשר אנו רואין], **ובלילה למעלה מן הרקיע** [זורחת, ואינה נראית למטה]. **וחכמי אומות העולם אומרים, ביום חמה מהלכת למטה מן הרקיע, ובלילה למטה מן הקרקע. אמר רבי, ונראין דבריהן מדברינו, שביום מעינות צוננין** [אין לך מים נובעין שאינו צונן ביום יותר מבלילה, ואף על פי שמי נהרות חמין הן ביום בחום הקיץ, הוא זה מפני שרחקו ממקום נביעתן ונתחממו בחום העולם, אבל תכף נביעתן הן צונן ביום, לפי שהחמה גבוהה מהן], **ובלילה רותחין** [שהחמה מחממתן תחת הקרקע, תדע שבעלות השחר אתה רואה עשן על הנהרות].

[מד] דבחדשי החורף, בקוטב הצפוני הוא תמיד לילה, ובקוטב הדרומי תמיד יום. ובחדשי הקיץ הוא להיפוך, דבקוטף הצפוני תמיד יום, ובקוטב הדרומי תמיד לילה.

[מה] **במנחת כהן חלק מבוא השמש** (בבירור השיטות בענין זמן הלילה ובין השמשות) **כתב בפרק ט: הנה הקושיא** הראשונה שעשיתי בפרק רביעי על פירושו של רבינו תם, היא שנראה שא״א לפרש משתשקע החמה דרבי יהודה על סוף שקיעתה בעובי הרקיע, כיון שלפי האמת אין החמה מהלכת בלילה על כפת הרקיע, ואם כן אינה נכנסת בערב בעביו, ואין שם שקיעה שנית אלא שקיעה אחת בלבד, והיא כשגמרה לשקוע תחת האופק ואינה נראית עוד על הארץ. ○ והנה קודם שאתרץ זאת הקושיא, אומר שלא יקשה בעיניך לחלק בדברי רז״ל בין שקיעה לשקיעה, ולהוציא מלת משתשקע החמה דרבי יהודה ממשמעה, שבהכרח צריך לפרש בקצת מקומות לשון שקיעת החמה על סוף שקיעתה, וכמו שאבאר. ואפילו בכתוב עצמו מצינו שמפרשים רז״ל (עי׳ ברכות ב.) ביאת השמש על סוף שקיעתו, וביאת אורו הנשאר ברקיע ובעבים, דהיינו בשעת צאת הכוכבים. וטעם זה הוא משום שלפי האמת יש לְשֶׁמֶשׁ שתי שקיעות, או שתי ביאות. הראשונה היא ביאת גופו תחת הארץ כשנעלם מן העין, והשנית ביאת אורו הנשאר בעבים ובחללו של עולם, עד שיחשך היום ונראים הכוכבים. ולכן כשאמר הכתוב ובא השמש, אפשר לפרשו על שקיעת גופו תחת הארץ, או על עריבת אורו הנשאר בעולם, והוא גמר ביאתו. וכן שקיעת החמה הנאמרת בדבר רבותינו ז״ל, אפשר לפרשה גם כן על גמר שקיעתה, דהיינו עריבת אורה הנשאר ברקיע, וזהו משעת צאת הכוכבים וכו׳ [וכאן האריך בביאור כמה לשונות חז״ל לפי זה. ושוב כתב וז״ל] אם כן אע״פ שביאת השמש ושקיעת החמה פירושו על הרוב הוא על שעת שקיעתו תחת הארץ, הנה לפעמים פירושו גם כן על גמר ביאתו שהוא בצאת הכוכבים וכו׳. וכל שכן היכא שהחכמים שינו בלשונם לומר ׳משתשקע׳ החמה, שנראה שדעתם על סוף שקיעת החמה, וכמו שנבאר וכו׳.

ונראה לי שמשתשקע החמה שאמר ר׳ יהודה שממנה מתחיל זמן בין השמשות, אינו דוחק כלל לפרשו על

KolSatmar.com

**אַן אַנדערער חילוק** [דשקיעה השנייה הוא משעברה החמה מכנגד כל עובי עגולת הארץ של אופק שלנו, עד שנחשך חלל העולם, ועד אותה שעה עדיין יום גמור הוא מלבד בסופו דהוא בין השמשות]. **נישט ׳דער׳ חילוק** [של כניסה ׳בעובי הרקיע׳. וכתב דאמנם לדינא אין נפק״מ בזה, דבכל אופן השיעור כשיטת ר״ת לדינא, דבין השמשות מתחיל לאחר ג׳ מיל ורביע מן השקיעה].

[וכן בשאר ספרים יש וואָס] **מ׳כאַפּט זיך אַרויף** [האיך לדחוק ולחלק בכדי לתרץ שיטת רבינו תם, שהרי] **איך קען נישט זאָגן אַז דער רבינו תם זאָל זיך אָנכאַפּן אויף אַ זאַך וואָס די גמרא אַליין זאָגט** [אַז] **ס׳איז נישט.** [שהרי נראה מהגמרא שהודו לחכמי האומות שאין החמה נכנס בלילה בעובי הרקיע אלא מהלכת תחת הארץ].

---

סוף שקיעתה בעובי הרקיע, כמו שפירש ר״ת ז״ל. ואף שלפי האמת אין השמש מהלך בלילה על כפת הרקיע, ואם כן אינו נכנס בערב בעביו, מ״מ אנו באים לפרש דברי ר׳ יהודה, והנה מוכח מדבריו בהדיא שהוא סובר כדעת חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל שהשמש נכנס בערב בעובי הרקיע, וכמו שאמר - על הזמן שמעלות השחר עד הנץ החמה ומן השקיעה עד צאה״כ - נמצא **עביו של רקיע** אחד מעשרה ביום, אם כן נראה בבירור מדברים אלו שסובר ר׳ יהודה שהשמש נכנס בערב **בעובי הרקיע**, ולפ״ז בהכרח יש לשמש לפי דעת זאת שקיעה שנית, והוא כשגמר לעבור כל עובי הרקיע. וא״כ מה דוחק יש לפרש משתשקע החמה דר׳ יהודה שממנה מתחיל זמן בין השמשמות, על סוף שקיעתה בעובי הרקיע, כיון שסובר שהשמש מהלך בו מן השקיעה עד צאת ב׳ כוכבים בינוניים, ושמכח הסתירה שיש בדבריו בשיעור זמן בין השמשות נראה בבירור שאי אפשר לפרשו על תחילת שקיעה, דהיינו כששוקעת תחת האופק ומתחלת ליכנס בעובי הרקיע לפי סברתו וכו׳ [עיי״ש עוד בזה]. ○ ואין להקשות שאם לפי האמת אין השמש נכנס בעובי הרקיע ואין שם סוף שקיעה, איך אנו מפרשים משתשקע על סוף שקיעתה בעובי הרקיע, שהרי הוכחנו שר׳ יהודה היה סובר כן, ולפי דעתו זאת כתב משתשקע החמה, וכוונתו על סוף שקיעתה בעובי הרקיע, ומ״מ אף שאין שם סוף שקיעה, אנו יודעים התחלת זמן בין השמשות ממה שאמרו בגמרא שהוא ג׳ רבעי מיל סמוך ליציאת הכוכבים וכו׳. ואף שלפי האמת אין השמש נכנס בעובי הרקיע ואין שם שקיעה שנית, מ״מ דינו של ר׳ יהודה הוא אמת, ונקטינן כוותיה לעשות זמן בהש״מ שיעור ג׳ רבעי מיל קודם שעת יציאת ג׳ כוכבים בינונים, והזמן הנשאר עד השקיעה נחשוב ליום גמור, דהיינו שיעור ג׳ מילין ורביע, וכמו שכתבתי. וזהו הכלל העולה מפירושו של ר״ת, בין שהשמש יכנס בעובי הרקיע, או ישקע תחת הארץ, ואין זה מעלה ומוריד לענין זה הדין, וכמו שביארנו וכו׳.

ואמנם מה שאמרו **בירושלמי** (ברכות דף ב: ג.) סוף גלגל חמה לשקוע זהו בין השמשות, קשה לי לפרשו על שקיעת החמה בעובי הרקיע, משום שאמרו וכו׳. אלא נ״ל שר׳ חנינא קורא סוף שקיעת החמה, באותו רגע שגמרה כל עגולת השמש לשקוע תחת הארץ **עד שעברה מכנגד כל עובי עגולת הארץ ועלתה על אופק בני אדם השוכנים מן הצד האחר מתחת לארץ, והיא נראית כולה להם, ואז היא סוף שקיעת החמה לנו**, וממנה מתחיל זמן בהש״מ, והיא קצת זמן אחר השקיעה הראשונה. והנה הסימן לידע בכוון זה הרגע שגמר השמש לשקוע ולעבור כל עובי עגולת הארץ, הוא על ידי עליית גלגל לבנה על אופקינו, וכמו שאמרו [בירושלמי] סוף גלגל חמה לשקוע וגלגל לבנה לעלות זהו בין השמשות. וזה שבכל חצי חדש וחדש, השמש והירח מהלכין ברקיע זה לעומת זה בכוון, והם כדמות שתי כפות של מאזנים, כשזה שוקע זה עולה וכשזה עולה זה שוקע, והנה לעת ערב באותו הרגע ששקע השמש תחת האופק במערב ושוה עגולתו עם שטח הארץ, שהיא השקיעה הראשונה, שקעה גם כן הלבנה לשוכנים מתחת לארץ במערבם (שהוא מזרח שלנו) ושוה עגולתה עם שטח הארץ, והנה באותו הרגע ששקע השמש כל כך תחת הארץ עד שגמר לעבור מכנגד כל עובי עגולתה והוא נראה כולו לשוכנים תחתנו, גמרה גם כן הלבנה לעלות על אופקנו במזרח עד שנראית לנו כל גופה, ובאותו הרגע היא התחלת זמן בין השמשות, בידוע שהשמש גם כן שקע כל כך תחת הארץ עד שעבר כל עובי עגולתה, וזהו שאמרו סוף גלגל חמה לשקוע וגלגל לבנה לעלות זהו בין השמשית, כן נראה לי. והנה זה הפירוש מסכים עם דעת ר״ת, שעדיין אחר ששקע השמש ואינו נראה על הארץ, יום גמור הוא. ○ אלא שאני מסתפק אם זמן בהש״מ של ר״ת מכוון עם סוף שקיעת גלגל חמה של זה הירושלמי, לפי מה שפירשנו למעלה. מפני שנראה שאין השמש שוהה משקע תחת האופק עד שישקע כולו תחת הארץ ויראה לשוכנים תחת אופקנו, שיעור ג׳ מילין ורביע שהוא קרוב לשעה אחת, אלא זמן יותר מועט, וגם אנו רואים שהלבנה נראית כולה לנו במזרח בחצי החדש לזמן מועט אחר ששקע גוף השמש תחת האופק. אבל עכ״ז יש ראיה מזה הירושלמי לדעת ר״ת, שאין זמן בהש״מ מתחיל מיד אחר השקיעה הראשונה, אלא מסוף שקיעה, ואף שאינה מכוונת עם סוף שקיעה של ר׳ יהודה. ומ״מ לענין הלכה נקטינן כר׳ יהודה, וכפירושו של רבינו תם שאין זמן בהש״מ מתחיל אלא לאחר שעבר שיעור ג׳ מילין ורביע אחר השקיעה הראשונה, שאז היא סוף שקיעת החמה בעובי הרקיע לדעת ר׳ יהודה, כמו שמתחייב מכח הסתירה שיש בדבריו בשיעור זמן בהש״מ. ועם זה הותרה הקושיא הראשונה שעשיתי על דעת ר״ת ופירושו, וכמו שביארנו למעלה.

KolSatmar.com

רכט

### מה שעדיין קשה לתירוץ המנחת כהן

אמנם הלא הרבינו תם כתב החילוק באופן אחר, ושהחמה נכנס בעובי הרקיע, וכן נזכר לשון זה בגמרא

[אמנם תירוץ המנחת כהן לכאורה אכתי לא מספיק, שהרי] וואָס הייסט דאָס [אַז ס׳איז] אַן אַנדערער חילוק. [והלא הרבינו תם מזכיר ענין הכניסה ״בעובי הרקיע״, וכן הזכירו חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל לשון זה בגמרא, ורבי יהודה דקיי״ל כוותיה סובר גם כן הכי, כמו שהאריך במנחת כהן].

רל

### תירוץ השיטה מקובצת

אמנם כבר אמרתי דמצינו תירוץ לזה בדברי השיטה מקובצת, בשם רבינו תם עצמו. כי בגמרא פסחים מיירי רק מנצחון בטענות, שלא רצו חכמי ישראל להשיב להם התירוץ, ועל כן סברו חכמי האומות שהודו להם חכמים, אבל האמת הוא כדעת חכמי ישראל, ולכן שפיר פסקינן כרבי יהודה. והביא שם ר״ת ראי׳ גם ממה שתקנו לומר וּבוֹקֵעַ ׳חַלּוֹנֵי רָקִיעַ׳

[נאָר] ס׳איז מיר אַ חִידוּשׁ פֶּלֶא [מה שנדחקו המהר״ם אלשקר והמנחת כהן, מדברי הגמרא דפסחים בענין חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל וחכמי אומות העולם, שהרי מבואר תירוץ על זה בשיטה מקובצת בשם הרבינו תם עצמו. נאָר] זעט אויס [אַז] זיי האָבן נישט געהאַט נאָך דעם שיטה מקובצת.

[דהנה] רבי עקיבא איגר ברענגט[מו] אַז דער שיטה מקובצת ברענגט אין כתובות[מז] ביי [א פלוגתא פון] רבן גמליאל[מח], [אַז] דער רבינו תם [אַליין] זאָגט אַרויס בְּפֵירוּשׁ [לתרץ קושיא הנזכר, אַז] כאָטש די גמרא זאָגט [כי חַכְמֵי הָאוּמּוֹת] זיי האָבן מְנַצֵּחַ געווען, מיינט נאָר [נצחון] אין טַעֲנוֹת, [ווייל די חכמים] זיי האָבן נישט געוואָלט ענטפערן [לְחַכְמֵי הָאוּמּוֹת את התירוץ שלהם בזה, ורק] מיט טַעֲנוֹת האָבן זיי אויסגעפירט [בויכוח שלהם, עד שנדמה להם שהודו חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל].

אָבער דער אֱמֶת, די חכמינו ז״ל האָבן זיך נישט טוֹעֶה געווען, די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל האָבן זיך נישט טוֹעֶה געווען. וְהָרַאֲיָה מ׳זאָגט דאָך בְּפֵירוּשׁ[מט] וּבוֹקֵעַ ׳חַלּוֹנֵי רָקִיעַ׳, זעט מען דאָך אַז ס׳גייט אַריין יאָ אין אוֹפֶק [השמים, דהיינו בעובי ׳הרקיע׳, וכלשון חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל בגמרא, ולשון ר״ת]. זעסטו דאָך בְּפֵירוּשׁ [אַזוי]. – אַזוי זאָגט דער רבינו תם [אַליין].

און לְשִׁיטָתוֹ [בביאור זה] גייט ער מיט דער שִׁיטָה [של רבי יהודה, דחמה נכנסת בעובי הרקיע, ועל פי זה הם ב׳ שקיעות, ולאחר שקיעה ראשונה עדיין יום ודאי הוא].

רלא

### קושיא א - על תירוץ השיטה מקובצת

אבל אכתי צריך להבין כל זה לפי המציאות, דהרי אנו רואין שהחמה הולכת מסביב לכדור הארץ, ולא שנכנס בעובי הרקיע

אָבער דער אֱמֶת [עדיין צריך ביאור להבין זה ׳במציאות׳, שהרי] ס׳איז דאָך אָבער דאָך

---

[מו] בגליון הש״ס פסחים (צד:) על לשון הגמרא ונראין דבריהם מדברינו, כתב שם רעק״א: עיין שיטה מקובצת כתובות יג: ד״ה השבתנו על המעוברת, שכתב משמו של ר״ת דאע״ג דנצחו חכמי או״ה לחכמי ישראל, היינו נצחון בטענות, אבל האמת היא כחכמי ישראל, והיינו דאמרינן בתפלה וּבוֹקֵעַ חַלּוֹנֵי רָקִיעַ, עכ״ל שם.

[מז] בשיטה מקובצת (כתובות יג: ד״ה מאי קאמר להו): השבתנו על המעוברת כו׳. פירש רש״י תשובה גמורה ונצחת. והקשו עליו דאם כן כבר חזר בו רבן גמליאל, והא חזינן אמוראי דפסקי כרבן גמליאל ועבדי כותיה. ויש לומר דאע״ג דנצח אותם בטענה, מכל מקום קַבָּלָתָם אמת היתה, ויחיד ורבים הלכה כרבים. ○ וכן שמעתי משמו של רבינו תם ז״ל שהיה אומר כן על הא דאמרינן בפרק מי שהיה טמא (פסחים צד:) חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אומרים גלגל קבוע ומזלות חוזרים, וחכמי אומות העולם אומרים וכו׳, ואמרינן התם אמר רבי תשובה לדבריהם כו׳, ואמר רבינו תם ז״ל, דאע״ג דנצחו חכמי אומות העולם לחכמי ישראל, היינו נצחון בטענות, אבל האמת הוא כחכמי ישראל. והיינו דאמרינן בתפלה וּבוֹקֵעַ חַלּוֹנֵי רָקִיעַ.

[מח] שכתב שם רש״י דאמוראי פסקי כר״ג, ואע״ג שאמרו שם דר״ג חזר בו.

[מט] בברכת יוצר אור לשבת (ד״ה הכל יודוך): הָקֵל הַפּוֹתֵחַ בְּכָל יוֹם דַּלְתוֹת שַׁעֲרֵי מִזְרָח, וּבוֹקֵעַ חַלּוֹנֵי רָקִיעַ. מוֹצִיא חַמָּה מִמְּקוֹמָהּ וּלְבָנָה מִמְּכוֹן שִׁבְתָּהּ. וּמֵאִיר לָעוֹלָם כֻּלּוֹ וּלְיוֹשְׁבָיו שֶׁבָּרָא בְּמִדַּת הָרַחֲמִים.

KolSatmar.com

נִתְבָּרֵר געווארן [בחוש], מ׳זעט דאָך בְּפֵירוּשׁ אַז ניין, אַז די זון איז דאָ [מסביב לכדור הארץ], אַ גאַנץ מֵעֵת לְעֵת איז זי דאָ. [דאָס איז] אַ זאַך וואָס מ׳זעט דאָך בְּפֵירוּשׁ, [און] ווי קאָן מען מַכְחִישׁ זיין דעם חוּשׁ. [ונמצא] ס׳איז אָבער ׳דאָך׳ אַ חִידוּשׁ [לפי המציאות].

רלב
**קושיא ב- על תירוץ השיטה מקובצת**
גם צריך טעם למה באמת לא השיבו החכמים תירוץ
לחכמי האומות, מכיון שהאמת היא כדעת חכמי ישראל

און פאַרוואָס [טאַקע] האָט מען נישט געענטפערט [לחכמי האומות].

[דלכאורה] זעט דאָך אויס טאַקע [פון דעם, אז] ס׳איז נישטאָ וואָס צו ענטפערן, [וכמו שטוען במהר״ם אלשקר].

רלג
**ישוב קושיא א - על תירוץ השיטה מקובצת**
מבואר בזוהר הק׳ דכל מה שיש למטה, יש דוגמתה בעולמות העליונים בכל השבעה רקיעים, ולמעלה יש ג״כ חמה ולבנה, ואלו שבעולם הזה מתנועעים ומתנהגים על ידי השפעת אלו שבעולמות עליונים, והכל מקורו מלמעלה.
ואם כן מה שמבואר בדברי חכמי ישראל, ובדברי ר״ת שהחמה נכנסת בעובי הרקיע, ועל זה נאמר ובוקע חלוני רקיע, כל זה מיירי מחמה העליונה שבז׳ רקיעים, ולא מחמה ולבנה שאנו רואין כאן למטה

נאָר [על כל זה כבר ביארתי כי] דער אֱמֶת איז אַזוי.

[דהנה] מ׳זעט דער זוהר הקדוש זאָגט[נ], אַז פונקט אַזוי ווי ס׳איז דאָ דאָ חַמָּה וּלְבָנָה וְכוֹכָבִים, אַזוי איז דאָ אויבן אין די אַלע עוֹלָמוֹת, אין די אַלע שִׁבְעָה רְקִיעִים, איבעראַל איז דאָ די זעלבע, און די אויבערשטע ׳פירן׳ די אונטערשטע.

[וממילא] אין דער אֱמֶת מוז איך זאָגן [אַז] דער רבינו תם האָט געלערנט, - [דהרי

---

[נ] **בזוהר הק׳** (ויקרא דף ט: י.): תָּא חֲזֵי, בְּשַׁעֲתָּא דְּבָרָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עָלְמָא, בָּרָא ז׳ רְקִיעִים לְעֵילָא, בָּרָא ז׳ אֲרָצוֹת לְתַתָּא, ז׳ יַמִּים, ז׳ נְהָרוֹת, ז׳ יוֹמִין, ז׳ שָׁבוּעוֹת, ז׳ שָׁנִים ז׳ פְּעָמִים, ז׳ אַלְפֵי שְׁנִין דַּהֲוֵי עָלְמָא, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּשְׁבִיעָאָה דְּכֹלָּא. ○ ז׳ שְׁחָקִים (ס״א רקיעין) לְעֵילָא, וּבְכָל חַד וְחַד כֹּכָבִים וּמַזָּלוֹת, וְשַׁמָּשִׁין דִּמְשַׁמְּשִׁין בְּכָל רְקִיעָא וּרְקִיעָא. וּבְכֻלְּהוּ מֵאִלֵּין, רְתִיכִין אִלֵּין עַל אִלֵּין, לְקַבְּלָא עֲלַיְיהוּ עוֹל מַלְכוּתָא דְּמָארֵיהוֹן. וּבְכֻלְּהוּ רְקִיעִין אִית רְתִיכִין וְשַׁמָּשִׁין, מְשַׁנְיָין דָּא מִן דָּא, אִלֵּין עַל אִלֵּין, מִנְּהוֹן בְּו׳ גַּדְפִין, וּמִנְּהוֹן בְּד׳ גַּדְפִין. מִנְּהוֹן בְּד׳ פָּנִים, וּמִנְּהוֹן בִּתְרֵין פָּנִים, וּמִנְּהוֹן בְּחַד. מִנְּהוֹן אֶשָּׁא דְּלָהִיט, מִנְּהוֹן מַיָּא, מִנְּהוֹן רוּחָא. הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (תהלים קד, ד) עוֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לֹהֵט. ○ וְכֻלְּהוּ רְקִיעִין, אִלֵּין עַל אִלֵּין כְּגַלְדֵי בְּצָלִים, אִלֵּין לְתַתָּא, וְאִלֵּין לְעֵילָא. וְכָל רְקִיעָא וּרְקִיעָא, אָזְלָא וְרָעֲשָׁא מֵאֵימָתָא דְּמָארֵיהוֹן. עַל פּוּמֵיהּ נָטְלִין, וְעַל פּוּמֵיהּ קַיְימִין. וְעֵילָא מִכֻּלְּהוּ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, דְּנָטִיל כֹּלָּא בְּחֵילֵיהּ וְתוּקְפֵיהּ. ○ כְּגַוְונָא דָּא שִׁבְעָה אֲרָצוֹת לְתַתָּא, וְכֻלְּהוּ בְּיִשּׁוּבָא, בַּר דְּאִלֵּין עִלָּאִין וְאִלֵּין תַּתָּאִין. וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עִלָּאָה מִכֹּלָּא, וִירוּשָׁלַיִם עִלָּאָה מִכָּל יִשּׁוּבָא. וְחַבְרָנָא יָתְבֵי דָּרוֹמָא חָמוּ בְּסִפְרֵי קַדְמָאֵי, וּבְסִפְרָא דְּאָדָם, דְּהָכִי מְחַלֵּק כָּל אִינּוּן אֲרָצוֹת, דְּכֻלְּהוּ מִשְׁתַּכְּחֵי לְתַתָּא, כְּגַוְונָא דְּאִינּוּן רְקִיעִין דִּלְעֵילָּא, אִלֵּין עַל אִלֵּין, וְאִלֵּין עַל אִלֵּין, וּבֵין כָּל אַרְעָא וְאַרְעָא, רָקִיעַ דְּמַפְרֵשׁ בֵּין דָּא לְדָא. וְעַל דָּא כֻּלְּהוּ אֲרָצוֹת פְּרִישָׁן בִּשְׁמָהָן, וּבֵינַיְיהוּ גַּן עֵדֶן וְגֵיהִנָּם, וְאִית בֵּינַיְיהוּ בִּרְיָין מְשַׁנְיָין אִלֵּין מִן אִלֵּין, כְּגַוְונָא דִּלְעֵילָּא, מִנְּהוֹן בִּתְרֵין אַנְפִּין וּמִנְּהוֹן בְּד׳ וּמִנְּהוֹן בְּא׳, וְחֵיזוּ דְּאִלֵּין לָאו כְּאִלֵּין וכו׳. ○ וּבְסִפְרָא דְּרַב הַמְנוּנָא סָבָא, פָּרִישׁ יַתִּיר, דְּהָא כָּל יִשּׁוּבָא מִתְגַּלְגְּלָא בְּעִגּוּלָא כְּכַדּוּר, אִלֵּין לְתַתָּא וְאִלֵּין לְעֵילָּא, וְכָל אִינּוּן בִּרְיָין מְשַׁנְיָין בְּחֶזְוַויְיהוּ מִשִּׁנּוּיָא דַּאֲוִירָא, כְּפוּם כָּל אֲתַר וַאֲתַר, וְקַיְימִין בְּקִיּוּמַיְיהוּ כִּשְׁאָר בְּנֵי נָשָׁא. וְעַל דָּא אִית אֲתַר בְּיִשּׁוּבָא, כַּד נָהִיר לְאִלֵּין, חָשִׁיךְ לְאִלֵּין, לְאִלֵּין יְמָמָא, וּלְאִלֵּין לֵילְיָא. וְאִית אֲתַר דְּכוּלֵיהּ יְמָמָא, וְלָא אִשְׁתְּכַח בֵּיהּ לֵילְיָא, בַּר בְּשַׁעֲתָא חֲדָא זְעֵירָא. וְהַאי דְּאָמַר בְּסִפְרֵי קַדְמָאֵי, וּבְסִפְרָא דְּאָדָם הָרִאשׁוֹן, הָכִי הוּא. דְּהָכִי כְּתִיב (תהלים קלט, יד) אוֹדְךָ עַל כִּי נוֹרָאוֹת נִפְלֵיתִי נִפְלָאִים מַעֲשֶׂיךָ. וּכְתִיב (שם קד, כד) מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה׳. וְעַל דָּא כֹּלָּא שַׁפִּיר. וְרָזָא דָּא אִתְמְסַר לְמָארֵיהוֹן דְּחָכְמְתָא, וְלָא לְמַפְלְגֵי תְּחוּמִין, בְּגִין דְּאִיהוּ רָזָא עֲמִיקָא דְּאוֹרַיְיתָא.

כְּגַוְונָא דָּא אִית בְּיַמָּא, דְּאִית בֵּיהּ כַּמָּה בִּרְיָין מְשַׁנְיָין דָּא מִן דָּא. הֲדָא הוּא דִכְתִיב (שם, כה) זֶה הַיָּם גָּדוֹל וּרְחַב יָדַיִם שָׁם רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר חַיּוֹת קְטַנּוֹת עִם גְּדוֹלוֹת שָׁם אֳנִיּוֹת יְהַלֵּכוּן לִוְיָתָן וְגוֹ׳. וְכֹלָּא תַּלְיָיא דָּא בְּדָא (ומתקשרא דא בדא), וְכֹלָּא כְּגַוְונָא דִּלְעֵילָּא. וּבְכֻלְּהוּ עָלְמִין לָא שַׁלְטָא בְּכֹלָּא בַּר אָדָם, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֲלֵיהּ וכו׳. ○ זַכָּאִין אִינּוּן צַדִּיקַיָּיא דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא, וְיָדְעִין סְתִימִין דְּרָזֵי עִלָּאֵי. וַי לְאִינּוּן דְּאַפְלִיגוּ עַל מִלֵּיהוֹן וְלָא מְהֵימְנֵי. -

[ועיין בזה גם בזוהר הק׳ פקודי (דף רלב. ודף רמה.). ועיין עוד באורך בראשית חכמה (שער האהבה פ״ה)].

KolSatmar.com

מצינו] ס׳שטייט דעך ׳דאָך׳ **וּבוֹקֵעַ חַלּוֹנֵי רָקִיעַ**, – [אַז] דאָס מיינט מען נישט ׳דעם׳ רָקִיעַ [שאנו רואין מלמטה], נאָר [די רקיע] **פון אויבן**.

דאָ גייט עס טאַקע אַזוי, אָבער דאָס ווערט דאָך געפירט **פון אויבן**, פון העכער׳ס, פון יענע לְבָנָה [וְחַמָּה]. פון אויבן ווערט דאָס געפירט העכער.

און **אויבן, די זון דאָרט**, איז ׳אַזוי׳. און דאָרט איז דאָ [חַלּוֹנֵי רָקִיעַ, ושם] גייט עס יאָ אַריין אין אֹפֶק אַריין, און דאָרט איז דאָ **די צוויי שְׁקִיעוֹת**.

דער מְקוֹר [היום והלילה] **איז דאָרטן**[נא].

**איז רעכט** [דברי רבינו תם שהחמה נכנס בעובי ׳הרקיע׳, ואין בזה סתירה ממה שאנו רואין בחוש לפי המציאות. כי הכוונה על החמה העליונה, ולא על החמה שאנו רואין].

רלד

**ישוב קושיא ב – על תירוץ השיטה מקובצת**

והיות שענין זה תלוי בסוד העיבור, וכן שהוא תלוי בסתרי התורה מה שנתגלה לחכמי ישראל מהנעשה בעולמות עליונים, אסור לגלות ענין זה להאומות העולם. ולכן לא רצו חכמי ישראל להשיב להאומות את התירוץ בזה. והניחו שיסברו כאילו הודו להם. אבל האמת היא כדעת חכמי ישראל, והכל מיירי מהעליונים

נאָר דאָס האָט מען נישט געקאָנט ענטפערן פאַר **די חַכְמֵי הָאוּמּוֹת**, וואָרן זיי ווייסן נישט וואָס אויבן טוט זיך, [און] מ׳טאָר אפשר ניטאַמאָל מְגַלֶּה זיין [לפי שתלוי אין] **דעם סוֹד הָעִבּוּר** [שאסור לגלותו][נב].

רלה

[ועוד שהרי] **מ׳טאָר ניטאַמאָל דערציילן קיין סִתְרֵי תּוֹרָה** [בכלל, ואף לבני ישראל. והרי ענין זה] ס׳קער דאָך שוין צו **סִתְרֵי תּוֹרָה** [כל ענין זה מה שנעשה בעולמות עליונים, וואָס סתרי תורה] **דאָס טאָר מען ניטאַמאָל לערנען אפילו מיט פְּשׁוּטֵי עָם** [׳שבישראל׳] **טאָר מען דאָס נישט לערנען, און איבערהויפּט מיט גּוֹיִם**. ס׳שטייט דאָך **בְּפֵירוּשׁ אַרויס**[נג] אויף סִתְרֵי תּוֹרָה [שאסור לגלותן רק ליחידי סגולה הראויים לזה][נד].

---

[נא] **וז״ל רבינו בזה בס״ג החודש תשכ״ב**: על כל פנים זעט מען דאך מ׳שמועסט סאך מאל **פון דארט** [מלמעלה בשמים]. אַזוי ווי טאקע ווי דער **דברי חיים** זאגט אין די **תשובות** פארנט (או״ח ח״ב, סוף סימן ח) ברענגט ער [אַז] **דער רבינו תם** מיטן ר״י זענען געווען גרויסע מְקוּבָּלִים, זיי האבן געוואסט דעם שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה, [און] די שְׁעָרִים מלמעלה פון יעדן. [וז״ל הדברי חיים שם: אך באמת רבותינו הקדמונים היו גדולי בעלי קבלה, כידוע שרש״י ז״ל היה מקובל גדול, כנראה מכמה מקומות, שהביא שֵׁם ע״ב (סוכה מה. ד״ה אני) וגבי שלש טיפות (מנחות כט: ד״ה אחת) וכמה מקומות עצמו מספר, וכן גם כן **הר״ת והר״י היו מקובלים גדולים**, וכן שארי בעלי תוספות, כגון רבינו יהודה חסיד, ותלמידו הסמ״ג, ור״י מאורליינ״ש כידוע בתשובה (שו״ת) מן השמים. ולכן המה ידעו שורש נשמתן ונשמת תלמידיהם וכו׳].

[נב] כמבואר **בגמרא כתובות** (קיב.): לכדרבי יוסי ברבי חנינא דאמר ג׳ שבועות הללו למה, אחת שלא יעלו ישראל בחומה, ואחת שהשביע הקב״ה את ישראל שלא ימרדו באומות העולם, ואחת שהשביע הקב״ה את העובדי כוכבים שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי. ורב יהודה, אם תעירו ואם תעוררו כתיב. ורבי זירא מיבעי ליה לכדרבי לוי, דאמר שש שבועות הללו למה, תלתא הני דאמרן, אינך שלא יגלו את הקץ, ושלא ירחקו [וי״ג שלא ידחקו] את הקץ, **ושלא יגלו הסוד לעובדי כוכבים** [פירש״י: אמרי לה סוד העיבור, ואמרי לה סוד טעמי התורה].

[נג] **בגמרא חגיגה** (יג.): **אמר רבי אמי, אין מוסרין סִתְרֵי תּוֹרָה** [פירש״י: כגון מעשה המרכבה וספר יצירה ומעשה בראשית, והיא ברייתא] **אלא למי שיש בו חמשה דברים**, שַׂר חֲמִשִּׁים, וּנְשׂוּא פָנִים, וְיוֹעֵץ, וַחֲכַם חֲרָשִׁים וּנְבוֹן לָחַשׁ (ישעי׳ ג, ג) [לקמן (יד.) מפרש להון]. ○ ואמר רבי אמי, **אין מוסרין דברי תורה לעובד כוכבים**, שנאמר (תהלים קמז, כ) לֹא עָשָׂה כֵן לְכָל גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים בַּל יְדָעוּם.

ועיין **במהרש״א שם**: לא קאמר אין ׳מלמדין׳ תורה לעכו״ם, דהא ודאי בז׳ מצות דידהו מלמדין אותן, ובשאר מצות התורה עובד כוכבים הלומד אותה חייב בנפשו. אלא דהכא נלמד מענינו, דאין ׳מוסרין׳ לעובדי כוכבים, היינו טעם וסוד המצות, ואפי׳ בז׳ מצות שלהם אין מוסרין להם סודן וטעמן. ועל זה מייתי ליה מקרא דכתיב (תהלים שם, יט) מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב, וגם טעם חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו [לְיִשְׂרָאֵל] וגו׳ דהיינו חקים ומשפטים של דת

KolSatmar.com

רלו

[איבערדעם פאַר] ׳זיי׳ טאָר מען עס ניטאַמאָל מְגַלֶה זיין וואָס ס׳טוט זיך [בגבהי מרומים]. דאָס האָבן נאָר חכמינו ז״ל געוואוסט בְּרוּחַ קָדְשָׁם, [און פון וואָס] מ׳איז מְקוּבָּל געווען פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ן אִישׁ מִפִּי אִישׁ, וואָס ער האָט געזען בִּנְבוּאָה אַלעס וואָס ער האָט געזען, און ער איז ׳געוועזן׳ אין די עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים[נה].

מ׳איז [עס] מְקוּבָּל פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ן [מה שנעשה בעולמות עליונים. ווי] די גמרא רעכנט דאָך אויס[נו] [די] שִׁבְעָה רְקִיעִים, און [אין] יעדן הימל וואָס ס׳איז דאָ. זְבוּל, און מָכוֹן, און דער בית המקדש של מעלה [היא ברקיע זבול]. דער בית המקדש שלמעלה איז העכער [מביהמ״ק שלמטה].

[וגם שם דברי הגמרא בענין חמה ולבנה הוא שלא כסברת חכמי האומות] ווי דער מהרש״א זאגט דארט[נז].

רלז

איבערדעם האָבן די חַכְמֵי אוּמוֹת הָעוֹלָם מְנַצֵחַ געווען [׳בטענות׳, דהיינו כי] מ׳האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. וואָרן דעם ריכטיגן תֵּירוּץ טאָר מען זיי נישט זאָגן, זענען זיי געבליבן ׳אַזוי׳ [שנדמה להם שנצחו את החכמים].

---

האלקים, ולֹא כֵן עָשָׂה לְכָל גּוֹי, דגם מִשְׁפָּטִים ודת הנימוסית שלהם שחייבים לקיים, שה׳דינין׳ הוא א׳ מז׳ מצות שנצטוו בני נח, מכל מקום בַּל יְדָעוּם טעמם וסוד הענינים. ○ ובזה יתיישב קושית התוספות (חגיגה שם) בשם רבינו אלחנן [דתיפוק ליה דעכו״ם העוסק בתורה חייב מיתה, כדאמר בפרק ד׳ מיתות (סנהדרין נט.), והמלמדו עובר אלפני עור לא תתן מכשול. וכי תימא בז׳ מצות דידהו דאינו חייב מיתה כדאמר הש״ס התם, והא מצוה איכא למוסרם להם וכו׳]. (ועיין בס״ג החודש תשכ״ב שמביא שם רבינו דברי מהרש״א אלו).

ועיין בתשובת הרמב״ם (פאר הדור, סימן נ) שכתב דכן הוא ההלכה, דאסור לבר ישראל ללמד תורה לגוי [ואפילו בנגלות], עד שיתגייר [ועיין במהרש״א (שבת לא.) דכשבא להתגייר מותר ללמדו גם מקודם]. ועיין עוד בשו״ת שבס׳ באר שבע (באר מים חיים, סימן יד), ובשו״ת דבר שמואל (למהר״ש אבוהב, סימן עה), ושו״ת יד אליהו (לר׳ אליהו ב״ר שמואל מלובלין, סימן מח), מה שהאריכו בענין זה. [וע״ע בזה בשדי חמד (ח״ז, כללים מערכת א׳ אות קב)].

[נד] ועיין במושיען של ישראל (ח״א פרק יד) כמה עובדות מרבינו בענין זה.

[נה] וגם בפועל, כששהה שם ג׳ פעמים ארבעים יום וארבעים לילה.

[נו] בגמרא חגיגה (יב:): אמר רב יהודה, שני רקיעים הן, שנאמר (עקב י, יד) הֵן לַה׳ אֱלֹקֶיךָ הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם. ריש לקיש אמר שבעה, ואלו הן: וילון, רקיע, שחקים, זבול, מעון, מכון, ערבות. ○ וילון אינו משמש כלום, אלא נכנס שחרית ויוצא ערבית, ומחדש בכל יום מעשה בראשית, שנאמר (ישעי׳ מ, כב) הַנּוֹטֶה כַדֹּק שָׁמַיִם וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָׁבֶת. ○ רקיע, שבו חמה ולבנה כוכבים ומזלות קבועין, שנאמר (בראשית א, יז) וַיִּתֵּן אֹתָם אֱלֹקִים בִּרְקִיעַ הַשָּׁמָיִם. ○ שחקים, שבו רחיים עומדות וטוחנות מָן לצדיקים, שנאמר (תהלים עח, כג-כד) וַיְצַו שְׁחָקִים מִמָּעַל וְדַלְתֵי שָׁמַיִם פָּתָח, וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם מָן לֶאֱכֹל וגו׳. ○ זבול, שבו ירושלים ובית המקדש ומזבח בנויה, ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן, שנאמר (מלכים א׳ ח, יג) בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים. ומנלן דאיקרי שמים, דכתיב (ישעי׳ סג, טו) הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה מִזְּבֻל קָדְשְׁךָ וְתִפְאַרְתֶּךָ. ○ מעון, שבו כיתות של מלאכי השרת שאומרות שירה בלילה, וחשות ביום, מפני כבודן של ישראל, שנאמר (תהלים מב, ט) יוֹמָם יְצַוֶּה ה׳ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי וכו׳. ומנלן דאיקרי שמים, שנאמר (תבוא כו, טו) הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם. ○ מכון, שבו אוצרות שלג ואוצרות ברד, ועליית טללים רעים, ועליית אגלים, וחדרה של סוּפָה וסערה, ומערה של קיטור ודלתותיהן אש, שנאמר (שם כח, יב) יִפְתַּח ה׳ לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב. הני ברקיעא איתניהו, הני בארעא איתניהו, דכתיב (תהלים קמח, ז) הַלְלוּ אֶת ה׳ מִן הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל תְּהֹמוֹת אֵשׁ וּבָרָד שֶׁלֶג וְקִיטוֹר רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ, אמר רב יהודה אמר רב, דוד ביקש עליהם רחמים והורידן לארץ וכו׳. ומנלן דאיקרי שמים, דכתיב (מלכים שם, לט) וְאַתָּה תִּשְׁמַע הַשָּׁמַיִם מְכוֹן שִׁבְתֶּךָ. ○ ערבות, שבו צדק משפט וצדקה, גנזי חיים וגנזי שלום וגנזי ברכה, ונשמתן של צדיקים, ורוחות ונשמות שעתיד להיבראות, וטל שעתיד הקב״ה להחיות בו מתים וכו׳.

[נז] במהרש״א שם על דברי הגמרא, רקיע, שבו חמה ולבנה כוכבים ומזלות קבועין. כתב שם וז״ל: גם זה שלא כדעת התוכניים, שדעתם שחמה ולבנה אינן קבועין בגלגל אחד, אלא כדרך שצ״ם חנכ״ל. [והרי משמע גם מדבריו, דיש שינויים בהילוך חמה ולבנה העליונים, באופן אחר מבחמה ולבנה שלמטה אשר אנו רואין].

KolSatmar.com

רלח

ולכן להלכה שפיר נקטו הפוסקים כשיטת ר"ת, שהוא על פי דעת חכמי ישראל אשר בודאי האמת והצדק אתם

**אָבער די הֲלָכָה איז אַזוי**[נח] [כדעת חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל וכשיטת רבינו תם, ווייל] **קַמֵי שְׁמַיָא גַלְיָא** [שכן הוא למעלה בעולמות עליונים, ולכן] **זאָגט מען טאַקע** [בכל יום בתפלת מעריב] **וּבוֹקֵעַ ׳חַלוֹנֵי רָקִיעַ׳, און ס׳איז דאָ צוויי שְׁקִיעוֹת, און די הֲלָכָה איז אַזוי ווי דער רַבֵּינוּ תָּם**[נט].

רלט

**ישוב הקושיא בגמרא תענית**

ובזה יבואר העובדא דנקדימון, כי הויכוח בינו ובין הגוי, היה לפי שירדו הגשמים לאחר שקיעת החמה, וקודם ביהש"מ, דנמצא דלהלכה עדיין היה יום גמור. אלא לפי שלדעת הגוי הנמשך אחר חכמי האומות והתכונה, היה סבור שכבר הוא לילה, אבל לא רצה לגלות סוד הענין להגוי, ולכן נעשה נס מן השמים ששוב זרחה החמה כדי להציל ממונם של ישראל מה שהיה מגיע להם מדינא, ונמצא דכל הנס הוא אדרבה להעמיד את הדין, ולא היה ח"ו שלא כדין

**היצט איז געווען** [דאָ] **אַזאַ מַעֲשֶׂה** [בעובדא דנקדימון].

**דער איז דאָך געווען אַ גוֹי, דער וואָס האָט געבעטן דאָס געלט.**

**און דאָס איז געווען פאַרנאַכטס** [בין השקיעה לצאת הכוכבים, ווען] **לויט די שִׁיטַת רַבֵּינוּ תָּם איז געווען טאָג, און לויט די שיטה פונעם גוֹי איז געווען נאַכט.**

[און] **מ׳האָט אים נישט געקאָנט ענטפערן** [אַז] **ס׳איז דאָ צוויי שְׁקִיעוֹת ׳אויבן׳,** [ווייל] **דאָס טאָר מען דאָך אים ניטאַמאָל אויסזאָגן. וואָרן** [די חכמי האומות] **זיי זענען דאָך געבליבן** [ביי זיך] **גערעכט אויכעט, מ׳האָט דאָך מְנַצֵּחַ געווען** [בטענות].

[און] **מ׳האָט נישט געקאָנט** [קומען] **לָדוּן** [לפי סברת הגוי, ווייל] **לְדִין איז ער געבליבן גערעכט** [ביי זיך, כי לא גילו לו הסוד שעדיין יום הוא].

רמ

**אָבער קַמֵי שְׁמַיָא גַלְיָא אַז די הלכה איז ווי דער רַבֵּינוּ תָּם,** [אַז] **ס׳איז דאָ צוויי שְׁקִיעוֹת, און ס׳איז נאָך געווען טאָג, און דעס געלט איז ׳אים׳ געקומען** [לנקדימון] **עַל פִּי הֲלָכָה** [שהיה פטור מלשלם להגוי].

[איבערדעם] **האָט מען געמוזט טון אַ נֵס** [לנקדימון, כדי להציל ממונו. ולכן] **זאָגט די גמרא וְזָרְחָה חַמָּה בְּרָקִיעַ.**

---

[נח] **וכמבואר בבית יוסף, ונפסק בשלחן ערוך ורמ"א** (או"ח רסא, א-ב. ועוד). **ועיין בלשון המגן אברהם** (שלד, ב) **שמסיים על זה וז"ל: דהא כל גדולי הפוסקים סוברין כן. - ועיין עוד בשו"ת בית חדש** (להב"ח, סימן קנד) **וז"ל: ולענין הלכה רוב המחברים תפסו פירושו ז"ל** [של ר"ת], **וכן פסק בית יוסף בהלכות שבת** (שם), **וכן מנהג כל ישראל. - ועיין עוד באורך בקונטרס דבי שמשי לבעל פר"ח** (הנדפס בספרו מים חיים), **ובקונטרס נהר פר"ת להרה"ק מקאלאשיץ זי"ע** (ולאחרונה נדפס בתוך ספר דברי חנה), **המיוסדים על ענין זה.**

**וז"ל רבינו בשו"ת דברי יואל** (סימן יח, מהג"ה שכתב על ספר דרך החיים): **זהו שיטת רוב הראשונים, וכן פסק השלחן ערוך ונושאי כליו, כדעת רבינו תם, כמבואר באריכות בספר מנחת כהן. וכן דעת רוב גדולי אחרונים דשני שקיעות לשמש, ואחר שקיעה הראשונה עדיין יום גמור, ואחר שקיעה השניה הוא בין השמשות עד צאת הכוכבים. וחלילה להקל נגד פסק השולחן ערוך שהוא לנו כיתד שלא תמוט, בפרט באיסור שבת החמורה שהוא באיסור סקילה, אין להקדים ולעשות מלאכה** [במוצאי שבת] **עד אחר גמר שקיעה שניה** [בשעה] **שאז וודאי לילה לשיטת הנ"ל ○ אמנם ראוי לחוש לחומרא לשיטת הגאונים וסייעתם שסוברים שמתחילת השקיעה ראשונה הוא בין השמשות, ויש להקדים הדלקת הנרות בערב שבת קודש קודם שקיעה הראשונה, כדי לצאת דעת הגאונים הנ"ל, ובפרט באיסור חמור דאורייתא.** [ועיין עוד בזה בזמירות דברי יואל (אות ב לענין ער"ש, ואות קלב לענין מוצ"ש)].

[נט] **וז"ל רבינו בס"ג שבת הגדול תשי"ח** (לשון קדשו קפו, אות נד): **אליבא דאמת, מן השמים איז די הַשְׁפָּעָה פון שַׁבָּת ׳אַזוי׳** [עד צאת הכוכבים במוצ"ש], **ביז ס׳איז שפעט. לויט די שיטה פון רבינו תָּם.**

און דער גוֹי ווידערואום, האָט נישט געוואוסט וואָס ס׳טוט זיך [דאָ, נאָר וויבאלד] ער האָט דאָך אָבער געזען אַז ס׳געשעעט אַ נֵס, האָט ער אים ׳אָפּגעלאָזט׳ [מלתבוע עוד ממונו].

אָבער דער אֱמֶת איז עס געווען עַל פִּי הֲלָכָה [שעדיין היה ביום, ולכן שפיר נעשה עבור זה נס מן השמים].

[עד כאן ממה שפירשתי בביאור עובדא דנקדימון שבגמרא תענית].

רמא

**ישוב קושיא כג**

קושית המכילתא הוא לפי מובן הפשוט וכדעת חכמי התכונה דסוף היום הוא בהשקיעה, ולזה מקשה דהלא לא נדבר עמו אלא ביום, וראיית הלבנה בשעת המולד לא שייך רק לאחר השקיעה. ועל זה מתרץ על פי דעת חכמי ישראל להלכה, דהיה זה זה סמוך לשקיעת החמה, והיינו שקיעה השניה שהזכיר ר״ת, וסמוך מלפניו עדיין יום גמור הוא, אבל כבר יכולין לראות מולד הלבנה באותה שעה

היצט איז רעכט [בביאור דברי המכילתא].

דער אֱמֶת, [אַז] ער [משה רבינו] זאָל זען די לְבָנָה אַזוי גוט [זה לא שייך ביום], כאָטשיג ס׳שטייט די לְבָנָה פריערער [ברקיע, וגם ביום. ולכן] פרעגט ער אַ קַשְׁיָא [והלא] ביום קאָן מען נישט אַזוי גוט זען די לְבָנָה.

[נו] ריכטיג, [אויף צו] זען דעם מוֹלָד מוז מען זען דעמאָלטס טאַקע, ווען ס׳איז שוין שפּעט. און אַז איך זאָל נישט האַלטן ווי דער רבינו תם, איז שוין נאַכט. [ולזה מקשה והלא כל הדברות לא היו אלא ביום].

איבערדעם זאָגט ער [שהיה] סָמוּךְ לִשְׁקִיעַת הַחַמָּה, מיינט מען די צווייטע שקיעה [וסמוך ׳מלפניו׳, כשעדיין הוא יום], דעמאָלטס האָט ער געזען די לְבָנָה [ואז גילה ומסר לו הדין, שלהלכה עדיין יום הוא. ושפיר נגלה אליו הדיבור רק ביום].

רמב

**ישוב קושיא כד (באופן שני)**

וכל זה כבר ידוע לנו מחכמי ישראל, אבל שהם מקובלים מפי משה רבינו איש מפי איש, ממה שראה בנבואה. אמנם באותה שעה הוא שנתחדשה הלכה זו למשה רבינו, דאף שאין מקדשין החודש בלילה, אבל באותה שעה עדיין יום גמור הוא.

נו אונז ווייס מיר דאָס [שוין, ווייל אונז] זעמיר מקובל דער [שיטת] רבינו תם פון די גמרא, [פון וואָס] די חֲכְמֵי יִשְׂרָאֵל זענען מקובל פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

אָבער איידער מ׳האָט דאָס מְגַלֶּה געווען [פאַר] מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ן, האָט ער דאָך נישט געוואוסט וואָס דאָס איז, [ואם כן יוקשה לו דהלא] אֵין מקדשין החודש בלילה[ס], מ׳האָט אים דאָ געוויזן די לְבָנָה ביי די נאַכט, [און] ס׳איז דאָך אֵין מְקַדְּשִׁין אֶת הַחֹדֶשׁ בַּלַּיְלָה.

[אלא מאי] דאַרף מען דאָך אים דערציילן אַז דאָס גייט אַזוי פון אויבן, האָט מען אים דעמאָלטס [דאָס אַלעס מְגַלֶּה געווען].

---

[ס] כמבואר בגמרא סנהדרין (יא:): תנו רבנן, אין מעברין את השנה אלא ביום, ואם עיברוה בלילה אינה מעוברת. ואין מקדשין את החדש אלא ביום, ואם קידשוהו בלילה אינו מקודש. אמר רב אבא מאי קרא, תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֵּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ (תהלים פא, ד), איזהו חג שהחדש מתכסה בו [פירש״י: שהלבנה אינה נראית בעליל לכל העולם, דכתיב חדש בכסה], הוי אומר זה ראש השנה [שחגה בראש חדש הוא, אבל שאר חגים באמצע החדש הם], וכתיב (שם, ה) כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא ׳מִשְׁפָּט׳ לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב [כלומר חג שישראל עושין באותו חג, דהיינו קידוש החדש, הרי הוא כמשפט], מה משפט ביום [דכתיב (תצא כא, טז) בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, כדדרשינן באחד דיני ממונות (סנהדרין לד:)], אף קידוש החדש ביום.

KolSatmar.com

רמג

וכדי שיבין כל ענין זה, הוצרכו להראותו גם מה שנעשה בחמה ולבנה 'העליונה', דמשם רואין שעדיין יום גמור הוא עד ביהש"מ דר"ת. וזה אי אפשר לראות בחוש העין, רק במראה הנבואה, ולכן שפיר כתב הרמב"ם דהראה לו את הלבנה במראה הנבואה, מלבד מה שראה גם בפועל את הלבנה שלמטה

**און דאָס** [הנעשה 'למעלה'] **האָט ער שוין געמוזט זען בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה. איבערדעם איז רעכט וואָס דער רמב"ם זאָגט** [אַז] **מ'האָט אים געוויזן די לְבָנָה בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה,** [ווייל] **מ'האָט אים געוויזן יענע לְבָנָה, אויבן. אויבן האָט מען אים געוויזן**[סא]**.**

רמד

**דאָ האָט ער געמוזט קוקן** [בפועל, ווייל] **טאַקע עַל פִּי הֲלָכָה דאַרף איך דאָך קוקן,** [וכדדרשינן] **כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ, דאָס איז די הלכה,** [און] **דאָס קוקט יעדערער** [בכל בית דין]**.**

**נאָר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט געמוזט זען** [אויך] **די אויבערשטע חַמָּה וּלְבָנָה, וואָס ס'טוט זיך אויבן האָט ער געמוזט זען** [כדי לגלות ההלכה שעדיין יום הוא עד זמן רבינו תם]**. און דעס** [חמה ולבנה העליונה] **האָט ער שוין געזען בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה.**

רמה

**איבערדעם איז דאָסביידע אֱמֶת. די מכילתא איז אֱמֶת** [שהראה לו הלבנה בפועל]**, און דעס וואָס דער רמב"ם זאָגט איז אֱמֶת, דעס וואָס ער האָט געטראָפן** [באיזה מדרש אַז] **ס'איז געווען בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה. די זענען ביידע אֱמֶת.**

רמו

**ישוב קושיא טו-טז**

בריש דקרא מיירי כפשוטו, ולכן אמר הַחֹדֶשׁ 'הַזֶּה' לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דקאי על הלבנה הנראית ונגלית כאן למטה, שיהא 'לָכֶם', וכמו שפירשו חכז"ל דיהא מסור בידכם, דהכל מתנהג על פי הוראת הבית דין שלמטה

**דאָס קען זיין דאָס טאָפּלטע לָשׁוֹן** [הפסוק] **אויך.**

[דברישא אמר] **הַחֹדֶשׁ 'הַזֶּה', ער האָט אים געוויזן כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ, ער האָט אים געוויזן די לְבָנָה,** [ואמר לו] **זֶה** [**'לָכֶם'**] **רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דעס איז מָסוּר בְּיֶדְכֶם** (ראש השנה כב.)**,** [ווייל] **אַז 'אידן' זענען מְקַדֵּשׁ הַחוֹדֶשׁ, מוז עס אַזוי נאָכגיין** [כל תהלוכות וסדרי העולם]**.**

---

[סא] **וזה מתאים היטב עם שיטת הרדב"ז להשוות גם דעת הרמב"ם עם שיטת ר"ת דיש ב' שקיעות** [מה שרבים אינם סוברים כן]. **וז"ל בשו"ת הרדב"ז** (ח"ד, סימן אלף שנג)**: גם הרא"ש ז"ל בפסקיו כתב כלשון הריא"ף כדרכו וכו', והרחיב במשא ומתן להעלות כר"ת דשתי שקיעות נינהו. גם רבינו ירוחם תלמידו כך העלה וכו'. עוד נראה לי להוכיח שכן דעת הריא"ף ז"ל וכו'** [עיי"ש]. ○ **גם נראה לי להוכיח שכן היא סברת הרמב"ם ז"ל,** שכתב בפרק ה' מהלכות שבת (הלכה ד) משתשקע החמה עד שיראו שלשה כוכבים בינוניים הוא הזמן הנקרא בין השמשות וכו', וכתב בפרק ב' מהלכות קידוש החדש (הלכה ט) ראוהו בית דין עצמן בסוף יום כ"ט, אם עדיין לא יצא כוכב בליל שלשים בי"ד אומרים מקודש מקודש שעדיין יום הוא, עד כאן. ועל כרחין בששקעה חמה עסקינן, מדקרי ליה ליל שלשים. ותו דאם לא שקעה חמה אפילו יצא כוכב אחד עדיין יום הוא, וא"כ קשיא דהכא קרי ליה יום אחר השקיעה, כדאמר שעדיין יום הוא, ובשבת קרי ליה בין השמשות, אלא מאי אית לך למימר דבשבת איירי בסוף השקיעה, ובקידוש החדש איירי בתחלת השקיעה. והכא והתם איירי בכוכבים בינונים, מדאמר בסיפא דמלתיה ואם ראוהו בליל ל' אחר שיצאו שני כוכבים למחר מושיבין וכו', ואי בכוכבים הנראים ביום קאמר, עדיין יום הוא, ואמאי ממתינין למחר לקדשו, אלא ודאי בכוכבים בינונים קאמר. ○ וכי תימא לעולם אימא לך בין השמשות לענין שבת הוי מתחלת השקיעה, אבל לענין קדוש החדש אפילו ששקעה חמה עדיין יום הוא ומקדשין אותו מיד. הא ליתא, דהא אם נראו שני כוכבים עדיין היא בין השמשות לענין שבת, כמו שכתב הרב עד שיראו שלשה כוכבים, ולענין קדוש החדש בשני כוכבים חשבינן ליה לילה, משמע דלענין קדוש החדש שדינן ליה בתר הלילה טפי מלענין שבת, דהכא בשני כוכבים הוי לילה, ולענין שבת הוי בין השמשות. ומה שיש לדקדק בלשון הרב ז"ל כבר כתבתי בתשובה אחרת מה שיש בו די, ואין כאן מקומו. **ומכל מקום למדנו דשתי שקיעות נינהו לדעת הרב.**

רמז

**אַזוי ווי די גמרא זאָגט**[סב]**, רַבִּי חִיָּא שָׁקַל קָלָא פָּתַק בֵּיהּ** [וְאָמַר לָהּ זִיל אִיכַּסֵי, כִּי לְאוֹרְתָּא בָּעִינָא לְקַדּוּשֵׁי בָּךְ].

[וכן אמרו][סג] **שִׁיפּוּרָא גָרִים,** [ועל זה נאמר] **לָקֵל גֹּמֵר עָלָי** (תהלים נז, ג)**, קטנה בת ג׳ שנים** [אין בתוליה חוזרין]**, און** [אויב ס׳איז] **נִתְעַבְּרָה** [הַשָּׁנָה איז] **בְּתוּלֶיהָ חוֹזְרִין, אַז מ׳איז מְקַדֵּשׁ הַחוֹדֶשׁ** [להיות אדר שני, ולא לניסן]**, איז עס צוריק** [חוזרין, דלפי קביעות הבית דין מתנהג גם כל סדרי הטבע והגופים].

רמח

ובסיפא מוסיף רִאשׁוֹן ׳הוּא׳ לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, דהוא לשון נסתר, ובא לרבות דגם צבא השמים ׳העליונים׳ הוא גם כן ׳לָכֶם׳ מסור בידכם, דאף ההנהגה שלמעלה מתנהג הכל על פי קביעות החודש של חכמי ישראל בבית דין שלמטה

**נאָר לכאורה פון דעם** [לשון] **הַחֹדֶשׁ ׳הַזֶּה׳ קאָן מען דאָך מיינען אַז נאָר ׳די׳ לְבָנָה** [הנראית] **איז נאָר מסורים** [בידכם]**, אָבער דאָס אויבערשטע נישט.**

[איבערדעם] **זאָגט ער נאָכאַמאָל** [רִאשׁוֹן ׳הוּא׳ לָכֶם, ותיבת] **׳הוּא׳ איז אַ לשון נסתר.**

**קודם** [איז] **הַחֹדֶשׁ ׳הַזֶּה׳ לָכֶם, ׳די׳ לְבָנָה וואָס דו זעסט מיט די אויגן.** [און] **עקסטערדעם איז רִאשׁוֹן ׳הוּא׳ לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, ׳הוּא לָכֶם׳** [דעס] **איז אויך ׳לָכֶם׳** [מסור בידכם]**, הוּא איז אַ לשון נִסְתָּר,** [לרבות] **די לְבָנָה וואָס זי איז נִסְתָּר מִן הָעֵינַיִם, וואָס קיינער זעט נישט, נאָר בְּמַרְאֵה הַנְּבוּאָה וואָס מ׳קאָן זען, דעס איז אויך לָכֶם, די הנהגה** [שלה]**. אַזוי ווי ס׳גייט די הנהגה** [בכל העולמות] **לויטן קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ** [שעל ידי בית דין]**, דעס איז דאָך די הנהגה פון די לְבָנָה און פון די אַלע אויבערשטע פון די מערכת השמים, פון ׳יענע׳ חַמָּה וּלְבָנָה. אַלעס גייט אַזוי.**

**איבערדעם זאָגט ער נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן** [הוּא]**, דאָס איז אויך לָכֶם.**

---

[סב] **בגמרא ראש השנה** (כה.)**: תניא אמר להם רבן גמליאל לחכמים, כך מקובלני מבית אבי אבא, פעמים שבא בארוכה ופעמים שבא בקצרה. אמר רבי יוחנן, מאי טעמא דבי רבי, דכתיב** (תהלים קד, יט) **עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ, שמש הוא דידע מבואו, יָרֵחַ לא ידע מבואו. ○ רבי חייא חזייא לסיהרא** [פירש״י: ישנה] **דהוה קאי בצפרא דעשרים ותשעה, שקל קלא** [פיסת רגבים] **פתק ביה, אמר לאורתא בעינן לקדושי בך** [צריכין אנו לעשות הלילה יום טוב של ראש השנה, לחסר את אלול ולאיים על העדים לומר ראינוהו בזמנו לקדשו למחר, ואף על פי שלא ראוהו, לפי שהיה עיבור החדש דוחה את יום הכפורים אצל שבת]**, וְאַתְּ קיימת הכא** [ואם תהא נראית ערבית שוב לא יקדשו את החדש למחר, כדאמרן לעיל פרק קמא (כ:) צריך שיהא לילה ויום מן החדש, שאם נראית הישנה לאור עשרים ותשעה אין מקדשין מחר את החדש]**, זיל איכסי.**

[סג] **בגמרא נדה** (לח.)**: קסבר רבי יהודה שיפורא גרים** [פירש״י: שופר שתוקעין בו בית דין בקדוש החדש].

**ובירושלמי נדרים** (פ״ו ה״ח, דף כג:)**: בת שלשה שנים ויום אחד, בא עליה הרי זה בסקילה. נמלכו בית דין לעבר, ובא עליה, אינו בסקילה. אמר רבי אבין, אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן לָקֵל גֹּמֵר עָלָי. בת שלשה שנים ויום אחד, נמלכו בית דין לעברו, בתולין חוזרין, ואם לאו אינן חוזרין.**

**וז״ל הש״ך** (יו״ד קפט, יג)**: כך קובעת בימי החודש. כתב הרא״ה בספר בדק הבית, לא לקידוש החודש ולתקיעת שופר שלנו, אלא למולד הלבנה לשעה שנראה שראוי לקבוע חודש על פי הראיה. אבל הרשב״א במשמרת הבית כתב, דודאי שיפורא גרים, והכל לימות החודש - מלא וחסר לחדשים, ולשנים מעוברות, - לפי תיקוני בית דין, שכל מה שבית דין שלמטה עושים בית דין שלמעלה מסכימים עמהם, דכתיב אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם, אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אַתֶּם בְּמוֹעֲדָם. ואף בחידושי הגוף כן, וכמו שדרשו ז״ל בְּלָקֵל גֹּמֵר עָלָי, קטנה בת ג׳ שנים ויום א׳ שנבעלה, אין בתוליה חוזרים, נמנו בית דין ועיברו השנה, בתוליה חוזרים הוי לָקֵל גֹּמֵר עָלָי, עכ״ל** [של הרשב״א]**. והוא בירושלמי פרק הנודר מן המבושל** (נדרים שם) **בשם רבי אבין. וכן כתב הרא״ש פרק האשה** (נדה פ״ט, סימן ג) **דבשפורא תליא מילתא, והכי אמרינן בסוף פרק בנות כותים** (נדה שם) **דשיפורא גרים. וכן הוא באגודה שם** (סימן יח)**, וכן כתב בתשובת ר״י מינץ סימן ט׳, עיין שם שהאריך. וכן משמע פשט דברי הטור ומחבר והפוסקים. ועיין בספר עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח״ב סימן י״ז.**

KolSatmar.com

רמט

**ישוב קושיא ג-ד [בפרשת תזריע]**

ונמצא דעל ידי כח התורה זוכין לשלוט גם בעולמות העליונים, שהם קדמו לכל מעשה בראשית בעולם שלמטה, ולזה אמרו במדרש דאם זכה אומרין לו **אתה** 'קדמת' לכל מעשה בראשית

**ממילא אַז מ'האָט דעם כֹּחַ פון די פריערדיגע** [בתי דינים]**, איז מען דאָך קודם לכל מעשה בראשית, האָט מען דאָך אַ דִין קְדִימָה,** [כי הכל מתנהג והולך 'אחר' דבריהם]**.**

**איבערדעם איז דאָס אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי, כאָטשיג ס'איז אָחוֹר** [שהאדם מצד תולדתו נברא בסוף מעשי בראשית]**, אָבער אַז מ'איז זוֹכֶה און מ'אַרבעט זיך אַרויף, מ'איז דָבוּק אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, דערגרייכט מען ביז אַהין** [למעלה בעולמות העליונים, הקדומים לכל מעשה בראשית התחתונים]**.**

רנ

**ישוב קושיא כא-כב**

והנה לעתיד לבא יזכו ישראל עוד למעלה עליונה, לשלוט גם למעלה למעלה יותר, וגם על הילוך 'החמה' העליונה ושאר צבא השמים, ולזה אמרו דלעתיד ימסור להם 'הכל', ולא רק הילוך 'הלבנה'. ומה שדרשוהו מהפסוק וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, הוא כמו שפירשו התוספות בבא בתרא בפסוק זה, דקאי על הכוכבים 'העליונים' והרקיע 'העליונה'

**ס'קאָן זיין** [בביאור המדרש שבקושיא כא-כב. דהנה] **תוספות זאָגט דאָך אין בבא בתרא** [על דברי הגמרא[סד] בענין הכתוב] **וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, פרעגט תוספות די קַשְׁיָא[סה],** [דלפי זה] **קומט אויס אַז רָקִיעַ איז מער** [מזהיר] **פון די כּוֹכָבִים. און ס'האַלט** [דאָך] **נישט אויס** [שהרי אין המציאות נראה כן]**.**

**ענטפערט תוספות, ברענגט ער דעם פרקי דרבי אליעזר[סו]** [אַז] **זֹהַר הָרָקִיעַ מיינט מען דעם 'אויבערשטן' רָקִיעַ, וואָס ס'איז העכער די חַמָּה וּלְבָנָה. דאָס מיינט מען די אויבערשטע רָקִיעַ.**

רנא

**איבערדעם איז רעכט. היינט** [בזמן הזה] **האָט מען נאָר געגעבן די לְבָנָה,** [אבער

---

[סד] **בגמרא בבא בתרא** (ח:)**: וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וגו'** (דניאל יב, ג)**, זה דיין שדן דין אמת לאמתו. וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד** (שם)**, אלו גבאי צדקה. ○ במתניתא תנא, וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, זה דיין שדן דין אמת לאמתו, וגבאי צדקה** [פירש"י: המשכילים אל דל, מהו צריך]**. וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אלו מלמדי תינוקות** [מצדיקי רבים הן, שמלמדין ומחנכין אותן בדרך טובה] **וכו'. ורבנן מאי** [תלמידי חכמים העוסקים בתורה תמיד, מאי כתיב בהון]**, אמר רבינא וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ** (שופטים ה, לא)**.**

[סה] **בתוספות בבא בתרא** (שם)**: וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים וגו' אלו מלמדי תינוקות. אומר ר"י, דצריך לומר דרקיע מזהיר טפי מכוכבים, דהא בסוף פרק אלו עוברין** (פסחים מט:) **משמע דגבאי צדקה עדיפי ממלמדי תינוקות, דאמר לא מצא בת תלמיד חכם ישא בת גבאי צדקה, לא מצא בת גבאי צדקה ישא בת מלמדי תינוקות. ואומר ריב"א כי מצא בפרקי דרבי אליעזר, דרקיע דהאי קרא דהמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע, דהיינו רקיע שעל ראשי החיות שמזהירין מכוכבים, שאורו כאור החמה. והאי דקאמר ורבנן מאי אמר רבינא וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ, היינו שמש של עתיד לבא, דהוא שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, ואור שבעת ימי בראשית היה שבעתים מאור חמה של עכשיו, כדמפרש תרגום של רָנִּי וְשִׂמְחִי** (זכרי' ב, יד)**.**

[סו] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק ד)**: בשני ברא הקב"ה את הרקיע, והמלאכים, ואשו של בשר ודם, ואש של גיהנם. והלא שמים וארץ נבראו ביום הראשון, שנאמר** (בראשית א, א) **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, ואיזהו רקיע שנברא ביום שני, רבי אליעזר אומר הרקיע שעל ראשי החיות ארבע, שנאמר** (יחזקאל א, כב) **וּדְמוּת עַל רָאשֵׁי הַחַיָּה רָקִיעַ כְּעֵין הַקֶּרַח הַנּוֹרָא, מה הוא כְּעֵין הַקֶּרַח הַנּוֹרָא, כאבנים טובות ומרגליות, והוא מאיר על כל השמים כנר שהוא מאיר על כל הבית, וכשמש שהוא מאיר בגבורתו בצהרים, שנאמר** (דניאל ב, כב) **וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא, וכמוהו הן צדיקים עתידים להאיר לעתיד לבוא, שנאמר וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, ואלולי הוא הרקיע היה העולם נבלע מן המים, שלמעלה ממנו מים ולמטה ממנו מים, והוא המבדיל בין מים למים, שנאמר** (בראשית שם, ו) **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי רָקִיעַ בְּתוֹךְ הַמָּיִם, והוא מבדיל בין מים עליונים למים תחתונים.**

KolSatmar.com

לעתיד לבא] אַז מ'איז אַזוי ווי די אויבערשטע רָקִיעַ, דאָס איז העכער פון אַלעמען, ממילא אַז מ'האָט דעם כֹּחַ פון יענעם, אַז מ'איז גיגלעכנט צו יענע, איז מען דאָך העכער די אַלע, ממילא האָט מען איבערגעגעבן דעם כֹּחַ אויף די אַלע.

דאָס זאָגט דער מדרש, לעתיד וועט מען איבערגעבן אַלעס, אַז ס'זאָל זיין יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ, וואָס ס'איז העכער פון די חַמָּה וּלְבָנָה.

רנב

ישוב קושיא כד (באופן שלישי)

וכל זה כבר הראו באותה שעה למשה רבינו, גם מה שיזכו עוד חכמי ישראל לשלוט בעליונים לעתיד **לבא**, ולכן גם מטעם זה שפיר הוצרך אז להראותו כל הענין במראה הנבואה וכדברי הרמב"ם, לפי שהיה תלוי בזה ראיית כל העתידות

[און] דאָס אַלעס האָט מען [שוין דעמאָלטס] געוויזן פאַר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ן, האָט מען אים געוויזן מיטן **כֹּחַ הַנְּבוּאָה** [גם מה שיהיה לעתיד לבא].

איבערדעם האָט ער דאָ געמוזט האָבן אַ כֹּחַ הַנְּבוּאָה, און ער האָט געזען עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, 'ווי לאַנג' דאָס וועט אַזוי זיין [כמו שהוא עתה **בזמן הזה**, בדרך מיעוט וריבוי אור הלבנה, און] 'ווי לאַנג' ס'וועט קומען [**לעתיד לבא**, כשיהיה אור הלבנה כאור החמה].

רפב

## ברכת הקודש

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן טאַקע:**

מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין טאַקע ס'זאָל זיין דער אֱמֶת'דיגער **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם** [וגו'] רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, ווי דער פָּסוּק האָט דאָ אויסגערעכנט, אויף דעמאָלטס און אויף לֶעָתִיד, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, דאָס איז אַ חוֹדֶשׁ שֶׁל שִׂמְחָה.

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן טאַקע אין נִיסָן זאָל עס זיין [עתה בזה החודש, ולא יצרטכו להחליף את הזמנים באמצע השנה להתהוות ניסן, כדברי הנזר הקודש[סז]].

מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין ס'זאָל טאַקע זיין "הַזֶּה", הַחֹדֶשׁ 'הַזֶּה' לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים. ס'איז שוין דורכגעגאַנגען בעונותינו הרבים אַסאַך נִיסָן'ס און ס'איז שוין געווען די העכסטע צייט [מ'זאָל שוין געהאָלפן ווערן], ס'איז שוין אַוַדאי די העכסטע צייט, ס'זאָל היצט טאַקע זיין שוין הַחֹדֶשׁ 'הַזֶּה', אַז 'דער' חוֹדֶשׁ זאָל עס זיין, 'דאָס' זאָל עס זיין טאַקע דער רעכטער חוֹדֶשׁ [וואָס] אויף דעם האָפט מען.

מ'זאָל מיר בִּמְהֵרָה געהאָלפן ווערן. מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו די שִׂמְחָה אֲמִתִּיִּית, בִּקְדוּשָׁה וּבְטַהֲרָה. [און] ביז דערווייל זאָל מיר זוֹכֶה זיין מ'זאָל מיר טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, פאַר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**מ'זאָל מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בְּנַחַת וּבְשִׂמְחָה, בִּקְדוּשָׁה וּבְטַהֲרָה.**
**בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

---

[סז] מובא דבריו לעיל בהדרוש (בהשייך לחלק א' של הקונטרס).

KolSatmar.com